קלאַראַ מיכעלסאָן

Clara Michelson

(1881-1942)

# Zwei Werke

in

# Jiddisch und Deutsch

## די ייִדישע נשמה

(Di Yidishe Neshome)

Jüdisches Kind aus dem Osten

+

## דער בוים און דער פֿויגל

Der Baum und der Vogel

+

Noten

**Voskobari 136**
**The Song Of The Bird**

für

klassische Gitarre

Musikverlag Ulrich Greve

# Inhaltsverzeichnis


3 ............................................................................ די ייִדישע נשמה
61 ....................................................Jüdisches Kind aus dem Osten
115 ..................................................................דער בוים און דער פֿויגל
117 ........................................................... Der Baum und der Vogel
118 ...............................................................Noten „Voskobari 136“
119 ................................................ Noten „The Song Of The Bird“



© 2020 Musikverlag Ulrich Greve


Musikverlag Ulrich Greve, Keßlerstr. 14, D-90489 Nürnberg
UG 1151

http://ulrich-greve.eu

**קלאַרא מיכעלסאָן**

# די ייִדישע נשמה

Special thanks to Shlomo Lerman and his wife. Their Yiddish knowledge were indispensable for publishing this book in 2020!

געווידמעט דעם אָנדענק פֿון
מייַן פּלימעניצע **סילוויאַ**.

Riga, 1937

**אָפּרופֿן פֿון דער ייִדישער פּרעסע**
**אין אַמעריקע און דײַטשלאַנד**
וועגן קלאַראַ מיכעלסאָנס בוך
**"די ייִדישע נשמה"**

**"פֿאָרווערטס" פֿון 6-טן סעפּטעמבער 1936, ניו-יאָרק.**

"די פֿאַרפֿאַסערין שילדערט אין אַ מיניאַטיורער פֿאָרם דאָס אידעאַלע געזיכט פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק און דעקט אויף זײַן טיפֿן מהות. די נשמה פֿון קליינעם העלד איז באַנומען מיטן געפֿיל פֿון דער געטלעכער נאָענטקייט, וואָס האָט געגעבן דעם ייִדנטום כּוחות אויסצושטיין הונדערטע און הונדערטע יאָרן פֿון פּײַן און לײַדן. וואָס אַזאַ בוך דערשײַנט גראָד איצט, ווען אין אייניקע לענדער ווערט דאָס פּנים פֿון ייִדנטום אַזוי פֿאַרקריפּלט און פֿאַרשפּיגן – דאָס גיט צו דעם בוך אַ באַזונדערן ווערט און באַדײַטונג. די געהויבנקייט פֿון דער טעמע און די פֿײַנע, נאַטירלעכע קינסטלערישקייט, מיט וועלכע זי איז באַאַרבעט געוואָרן, גיבן גענוג גרונט צו האָפֿן, אַז אין קלאַראַ מיכעלסאָנס פּערזאָן איז די ייִדישע ליטעראַטור באַרײַכערט געוואָרן מיט אַ שאַפֿנדער קראַפֿט.

שאול גינזבורג.

**"ייִדישעס געמײַנדעבלאַט" פֿון 17-טן מאַי 1936, בערלין.**

"בײַ קלאַראַ מיכעלסאָן איז דאָס מזרח-אייראָפּעיִשע ייִדנטום אַ באַזונדערע וועלט, וואָס באַזירט זיך אויף זיכערע גייסטיקע יסודות און האָט אירע פֿעסטע לעבנס-פֿאָרמען. די העלדן אײַזיק אָרמערמאַן און חיים האָץ האָבן אַ קנאַפּע שייכות צו דער אויסערלעכער פֿרעמדער וועלט. סײַ אין אַלטעגלעכן לעבן, סײַ אין גײַסטיקן קרײַז פֿון "לערנען" דאָמינירט נאָר דער עקשנותדיקער ווילן זיך אויסצולעבן אין דער היימישער סבֿיבֿה, ווי גוט אָדער שלעכט זי זאָל נישט זײַן. דאָס שטרעבן צו היימישקייט איז נאָר אַן אינערלעכע בענקעניש, וואָס באַהערשט די בײַדע העלדן. חיימען צווינגט זי צו לײַדן פֿאַרן אמת און אפֿילו מקריבֿ צו זײַן זײַן לעבן, בײַ אײַזיקן, רופֿט זי אַרויס אַ ליבע צו דער פֿײַכטער און פֿינצטערער קעלער-ווינונג. די פֿאַרפֿאַסערין שילדערט מיט אַ פֿײנעם געשמאַק די סבֿיבֿה פֿון ייִדישן קינד אין מזרח-אייראָפּע."

**"איזראַעליטישעס געמיַינדעבלאַט" פֿון 1-טן יוני 1936, לײַפּציג**

"קלאַראַ מיכעלסאָן מאָלט לעבעדיק די ייִדישע וועלט אין מזרח-אייראָפּע נישט נאָר מיט איר עלנט און אבערגלויבן, אָבער אויך מיט איר נאָענטקייט צו דער שכינה און ליבע צום לערנען. זי שילדערט ווי די גאַנצע סבֿיבֿה ווירקט אויף דער נשמה פֿון ייִדישן קינד. חיים האָץ איז אַ באַוויַיז ווי רײַך ס'איז די ייִדישע נשמה, וועלכע איז אַן אוצר פֿון מענטשלעכער גרויסקייט און מאַרטירער-קראַפֿט."

**"ייִדישעס געמיַינדעבלאַט" פֿון 19-טן יוני 1936, קעלן**

"די פֿאַרפֿאַסערין שילדערט מײַסטערהאַפֿט די פֿעיִקייט פֿון די "אָסטייִדן" צו פֿאַרפֿולקומען זייער גורל און צו מאַכן פֿון דער גרעסטער נויט אַ וועלט-אַנשויונג און אַ לעבנס-שטייגער. אַ סך פֿון די דײַטשע ייִדן, וואָס זיי האָט אַליין געטראָפֿן דער גורל פֿון די "אָסט-ייִדן", האָבן ביז איצט די דאָזיקע פֿעיקייט נישט פֿאַרמאָגט. קלאַראַ מיכעלסאָן גיט אונדז אַ געלעגנהײַט זיך וועגן דעם צו דערמאָנען."
ראַבינער ד״ר זעליקסאָן

**"איזראַעליטישעס געמיַינדעבלאַט" פֿון 1-טן יולי 1936, נירנבערג**

"קלאַראַ מיכעלסאָן שילדערט די אייגנאַרטיקייט סבֿיבֿה פֿון מזרח-אייראָפּעיִשן ייִדנטום זייער שפּאַנענד און אינטערעסאַנט. פֿון איין זײַט זעען מיר ווי דער ביטערער קאַמף פֿיזישן עקסיסטענץ מאַכט דעם ייִדן פֿאַר אַ פֿרײַוויליקן שקלאַף פֿון דער אָרעמקייט, פֿון דער אַנדער זײַט – ווי דאָס ייִדישע מענטשן-קינד, וועלכער איז באַהערשט פֿון שטאַרקן אינטעלעקטועלן גײַסט, זוכט צו אַנטלויפֿן פֿון רעאַל לעבן אין די מאָראַלישע הויכקייט פֿון יהדות, אין וועלכער ער בעט דעם אידעאַל פֿון רײַנסטער לעבנס דערפֿילונג. פֿאַר זײַן אמת איז דאָס קינד מקריבֿ דעם גרעסטן קרבן – זײַן לעבן."

**"ייִדישעס געמיַינדעבלאַט" 15 ,1936, דרעזדן**

"קלאַראַ מיכעלסאָן ווערק איז אָנגעשריבן געוואָרן מיט גרויס מבֿינות און מיט אַ טיפֿער פּסיכאָלאָגישער פֿײַנקייט. דאָס בוך שטייט באַדײַטנד העכער פֿון דער געוועגליכער ייִדישער אונטערהאַלטונגס-ליטעראַטור. דעריבער קענען מיר אים געוויסנהאַפֿט רעקאָמענדירן אַלעמען."

# אײַזיקל אָרמערמאַנס ערשטע נסיעה.

אײַזיקל אָרמערמאַן איז קענטיק זייער צופֿרידן געווען פֿון זײַן לעבן: ס'איז געגנוג געווען אים פֿרײַנטלעך אָנצוקוקן – און אויף זײַן ווײַסן, מיט זומער-שפּרינקלעך באַזעצט פּנים פֿלעגט זיך גלײַך באַווײַזן אַ ברייטער, האַרציקער שמײַכעלע. לויט זײַן השׂגה האָט זיך אים געלעבט זייער גוט. די גרויסע קעלער-וווינונג, ווו ס'איז שטענדיק געווען פֿײַכט און פֿינצטערלעך, איז אים געווען באַקוועם און היימיש. דורך די לאַנגע און שמאָלע קיך האָט מען געקענט אַרײַנקומען אין זײַן פֿאָטערס בוכבינדערײַ-ווערקשטוב, פֿון וואַנעט אַ טיר האָט געפֿירט אין שלאָפֿצימער פֿאַר דער גאַנצער משפּחה: פֿאָטער, מוטער, אײַזיקל און זײַנע פֿינף ברידער און שוועסטערס. דער הויף, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט הויכע געמויערטע בנינים, האָט געאָטעמט מיט באַוועגונג און טומל. פֿאַר אײַזיקלען איז דער הויף געווען זייער אינטערעסאַנט: דורך די פֿענצטער-שויבן פֿון קעלער האָט מען געקענט זען די פֿיס פֿון די פֿאַרבײַגייער. און אײַזיקלען איז דאָס געפֿעליק געווען. אַלס מיזיניקל האָט אײַזיקל גענאָסן בײַ זײַנע עלטערן פֿון ברייטע פּריווילעגיעס, דערפֿאַר האָט ער ליב געהאַט צו פֿאַרברענגען מיטן פֿאָטער אָדער מיט דער מוטער. די נישט-אָנגענעמע השפּעה פֿון די פֿינף עלטערע ברידער-שוועסטער איז געווען כּמעט אויסגעשלאָסן ווײַל זיי פֿלעגן שוין גאַנץ פֿרי אַוועקגיין אין קינדער-גאָרטן און פֿאָלקסשול, און צוריקקומען ערשט אין אָוונט, זאַטע און אויסגעצוואָגענע. זייער מוטער האָט אויף דעם אופֿן זייער לײַכט געלײַזט דאָס דערציונגס-פּראָבלעם.

די מוטער איז געווען די באַוועגונגס-קראַפֿט אין דער משפּחה. זי וואָלט בלי ספֿק אויך אײַזיקלען אָפּגעגעבן אין קינדערהיים, אָבער זי האָט אים נויטיק געהאַט צו איר "געשעפֿט". יאָ, די הויכע, רויטע און

אומגעבילדעטע חיה איז געווען אַ כוואַטסקע ייִדענע. שוין דער פֿאַקט אַליין, אַז זי האָט באַקומען אַזאַ מאַן ווי פּייסל אָרמערמאַן, האָט עדות געזאָגט אויף איר שטאַרק כאַראַקטער און עקשנותדיקן שטרעבן צו איר ציל. אמת, פּייסל האָט פֿון זײַן בוכבינדערײַ געהאַט זייער קנאַפּ חיונה, און חיה האָט אים שוין טויזנט מאָל געמוסרט פֿאַר זײַן פֿוילקייט און ליצנות אָבער דאָס האָט נישט געווירקט אויפֿן עצם פֿאַקט: חיה׳ס מאַן האָט געהייסן פּייסל אָרמערמאַן. הגם ער איז געווען נישט מער ווי אַן אָרעמער פּראָלעטאַריער פֿון פֿאָרשטאָט, שלעכט אָנגעטאָן און נישט-געראַזירט, האָט מען פֿונדעסטוועגן גלײַך געקענט באַמערקן אַז ער איז אַ גאַנץ שיינער מאַנסביל, וואָס וואָלט בײַ בעסערע לעבנס-באַדינגונגען געווים געווען אַן עלעגאַנטער הער מיט ראַפֿינירטע מאַנירן, אַן אמתער בעל-הנאה מיט אַ גוטן געשמאַק, אַ קאַוואַלער, פֿאַר וועלכן ס׳וואָלטן געפּאַסט פֿיל שענערע און איידעלערע פֿרויען ווי די רויטע און מאָגערע חיה.

די מוטער פֿלעגט צוליב פּרנסה-ענײנים אָפֿט אוועקגיין פֿון שטוב און איבערלאָזן אײַזיקלען אַליין מיטן פֿאָטער. אין אַזעלכע מאָמענטן פֿלעגט זיך אײַזיקל פֿילן זייער היימיש: דער פֿאָטער פֿלעגט דעמאָלט ווערן פֿריילעך און רעדעוודיק, זיך לאַנג צאַצקענען מיט אַ ווונדער-שיינעם אײַנבונד און זאָגן, אַז ס׳איז אַ פֿרײַד צו מאַכן אַזאַ שיינע זאַך, אָבער פֿון אײַנפֿאַכע און נישט-קינסטלערישע אַרבעט קען מען האָבן אַ סך מערער פּרנסה. פּייסל פֿלעגט זיך דעמאָלט פֿילן גאָר מהודרדיק און מאַכן אגבֿ-אורחא ווירטשאַפֿט: צוזאַמענקלעפּן צעבראָכענע כּלים אָדער פֿאַרריכטן אַן אויסגעדרייט פֿיסל פֿון שטול. בעת מעשׂה פֿלעגט ער זינגען האַרציקע לידער, וואָס האָבן אײַזיקלען פֿאַרשאַפֿט גרויס הנאה. אָפֿט פֿלעגט אויך אײַזיקל אונטערהעלפֿן מיט זײַן הייזעריקן קול. צוויי פֿון פֿאָטערס ליבלינגס-לידער האָט ער שוין געקענט אויסנווייניק:

שנירעלע, פּערעלע, גאָלדענע פֿאָן!

משיח בן-דוד זיצט אויבנאָן,

האַלט אַ בעכער אין זײַן רעכטער האַנט,
מאַכט אַ ברכה אויף זײַן לאַנד.
אמן ואמן, איין זאַך איז שוין קלאָר,
משיח וועט קומען נאָך אין דעם יאָר!

*

תשעה־באב איז אַ חתונה, קיינער, ז'נישט געקומען,
דאָס יינגעלע, דאָס מיידעלע האָבן זיך גענומען,
קומט צוגיין עלינקע מיט זײַן ציגענעם בערדעלע,
טאַנצט זיך אויס, שפּרינגט זיך אויס, ווי אַ משוגענער
פֿערדעלע!

ווען חיה פֿלעגט צוריקקומען אהיים פֿלעגט די געמיטלעכקייט גלײַך פֿאַרשווינדן. פֿאַר איר האָבן לידער און שיינע קאַרטאָן-אײַנבונדן נישט געהאַט קיין שום ווערט. פֿון דעם איז נישט געווען קיין פּרנסה. דעמאָלט פֿלעגט פייסל ווערן אומעטיק, כּמעט ניט רעדן און זיך פֿאַרקענען ערגעץ אין אַ ווינקעלע, אָדער גאָר פֿאַרלאָזן די שטוב. אָבער אויך מיט דער מוטער איז אײַזיקלען געווען אָנגענעם: אין איר האָט זיך געפֿילט אַזאַ כּוח און זיכערקייט, אַז מ'האָט זיך אַליין גענומען פֿילן לעבן איר שטאַרקער און זיכערער. חיה איז זייער אָפֿט אַוועקגעגאַנגען פֿון שטוב. ווען אײַזיקל איז געווען נאָך גאָר אַ קליינער, האָט זי אים מיטגענומען מיט זיך. דעמאָלט האָט זי ביז מיטיק פֿאַרקויפֿט אויפֿן מאַרק ציטראָנען און מערעלעך, נאָך מיטיק אָבער פֿלעגט זי אָפּשטעלן אויף דער גאַס גוטגעקליידטע דאַמען און פֿרעגן: "האָט איר נישט וואָס צו האַנדלען, מאַדאַם? אַלטע קליידער? וועש?" אָפֿט האָט די פֿראַגע געהאַט דערפֿאָלג און חיה, מיט אײַזיקלען אויף דער האַנט, האָט באַזוכט רײַכע הײַזער, באַקומען די נאָכגעבליבענע מאכלים און געבראַכט אַהיים פּעקלעך מיט אַלטע בגדים.

לעצטנס האָט חיה ווידער מיטגענומען אײַזיקלען אויף אירע פּרנסה-אויספֿלוגן. זי האָט זיך אַרײַנגעשמוגלט אין אַ מין פּראַפֿעסיאָנעלע גילדע, וואָס איז נישט געווען באַשטעטיקט פֿון דער מאַכט, אָבער וואָס האָט דאָך מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ שטרענג געשלאָסענע חבֿרה מיט אַ נישט־געשריבענעם סטאַטוט. די מיטגלידער פֿון דער חבֿרה האָבן מיט די פֿויסטן נישט צוגעלאָזט קיין נײַע חבֿרים. דאָס איז געווען די בעטלער-חבֿרה, וואָס האָט "געאַרבעט" בײַם טויער פֿון ייִדישן בית־עולם. אירע מיטגלידער זענען באַשטאַנען פֿון מאָגערע, קרומע ווײַבער מיט בלײַכע פּנימער און קראַנקע אויגן. אויךּ עטלעכע זקנים און אַ פּאָר הויקערדיקע בחורים האָבן זיך דורכגעמישט צווישן די ווײַבער. מיט אויסגעשטרעקטע הענט, ווילדע געשרײַען, תּחנונים און ווינטשערײַען פֿלעגט זיך חבֿרה וואַרפֿן אויף די קרובֿים און באַגלייטער פֿון ברמינן. צעטומלטע און צעשראָקענע פֿלעגן יענע אַרויסכאַפּן פֿון קעשענע די ערשטע בעסטע מטבע, כּדי פּטור צו ווערן פֿון דער שרעקלעכער חבֿרה. חיה אָרמערמאַן איז געלונגען זיךּ אַרײַנצושטופּן אין די חבֿרה נאָר אַ דאַנק איר עקשנותדיקן ווילן. קעגן איר מעכטיקער, הויכער שטימע און אירע לאַנגע פֿלינקע הענט איז געווען מאַכטלאָז אַפֿילו דער פֿאַראייניקטער כּוח פֿון דער בעטלער-גילדע. נאָך אַ פֿאַרביטערטן, אָבער אומגעלונגענעם קאַמף איז די חבֿרה געווען געצוווּנגען צו אָנערקענען חיה׳ן פֿאַר אַ מיטגליד. מיט אירע רויט-געלע האָר און גרינע, באַפֿעלערישע אויגן האָט חיה גאָר שנעל פֿאַרנומען דעם אויבנאָן. האַלטנדיק אויף די הענט דעם אויף איר זייער ענלעכן אײַזיקלען, האָט חיה פֿלינק דורכגעפֿירט אירע אָנגריפֿן אויף די לוויות-אָנטיילנעמער. איר הכנסה איז געוואַקסן פֿון טאָג, ווײַל זעלטן ווער ס׳האָט געקענט פֿון איר פּטור ווערן אָן אַ מטבע.

אויף אַזאַ אופֿן האָט אײַזיקל גענומען זיך באַקענען מיט דער אויסערלעכער וועלט בײַם טויער, וואָס טיילט אָפּ די לעבעדיקע פֿון די טויטע. וואָס מער מתים ס׳זענען  געבראַכט געוואָרן צום טויער, אַלץ מער

פֿעטער איז געוואָרן דער מיטיק בײַ חיה אָרמערמאַן. אַלץ מער וואַרעמער איז געוואָרן אין איר קעלער-וווינונג. צווישן די בעטלער זענען  געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן פֿאַרמאָגט רײַכע קרובֿים אין שטאָט. זיי פֿלעגן זיך באַרימען מיט זייער יחוס און אגבֿ-אורחא אויך צוגעבן אַ פּאָר קללות: די רײַכע קרובֿים האָבן נישט געוואָלט וויסן פֿון זייערע אָרעמע פֿרײַנט און זיי נישט געהאָלפֿן. פֿון אַזעלכע שמועסן און לעבנס-אָנשויונגען האָט אײַזיקל געלערט ווי מענטשן באַציען זיך איינער צום אַנדערן.

אײַזיקל האָט זיך געלעבט זייער גוט. ער איז שנעל אונטערגעוואַקסן און געוואָרן גאָר דיק. זײַן מוטער האָט זיך מיישבֿ געווען, אַז מ׳דאַרף אים אָפּגעבן אין איינעם פֿון די פֿילאַנטראָפּישע מוסדות. וועגן אַ פֿאַרטרעטער אויף אײַזיקלס אָרט האָט חיה שטאַרק נישט געזאָרגט: זי איז שוין ווידער טראָגעדיק געוואָרן און באַלד געדאַרפֿט ברענגען אויף דער וועלט אַ נײַ נפֿשל. צופֿעליק האָט זי זיך דערוווּסט פֿון אַ נײַער קינדער-קאָלאָניע, וואָס האָט זיך געעפֿנט אין אַ שיינעם וואַלד-געגענט. היות ווי חיה האָט ניט דורכגעלאָזט קיין איין געלעגנהײַט, וואָס האָט געקענט ברענגען נוצן, האָט זי באַשלאָסן אומבאַדינגט אַרײַנצוגעבן אײַזיקלען אין קאָלאָניע. דער פּלאַן איז איר אויך געלונגען.

ווען די מוטער האָט אין אַ געוועלנלעכן אָוונט גענומען שערן און צוואָגן אײַזיקלען, האָט ער פֿאַרשטאַנען אַז די זאַך איז עפּעס נישט מהודרדיק. זי פֿלעגט עס טאָן זייער זעלטן. בײַם בית עולם און געוויס בעסער אויסצוזען נישט-זויבער און עלנד, אָבער כדי אָנצוקומען אין אַ קאָלאָניע האָט מען געמוזט זײַן ריין און אָנגעטאָן. די בעסטע קינדער-בגדים און וועש, וואָס חיה האָט צוזאַמענגעקליבן בײַ נגידים, האָט זי פֿאַרבונדן אין אַ פּעקל, און אויף מאָרגן איז אײַזיקל, אַ רײַנער און אַן אויסגעפּוצטער, שוין ווידער געזעסן אויף דער מוטערס הענט. חיה האָט זיך אָבער אוועקגעלאָזט נישט צום בית עולם, נײַערט אַרונטער אין שטאָט. אַן אימה איז באַפֿאַלן אײַזיקלען, אָבער ער האָט געשוויגן. איז דאָך די מוטער געווען מיט אים.

באַלד איז חיה אַרויפֿגעקומען אויפֿן וואַקזאַל, ווו ס'זענען ווי לאַנגע, גלידערדיקע שלאַנגען אַרײַן און אַרויסגעפֿאָרן איין צוג נאָכן אַנדערן.

אײַזיקל איז געשטאַנען לעבן זײַן מוטער אויף אַ לאַנגן, לופֿטיקן פּעראָן. דערבײַ זענען געשטאַנען אויך נאָך מוטערס מיט קליינע קינדערלעך. פּלוצלונג איז פֿײַפֿנדיק און קרעכצנדיק אָנגעפֿאַרן דער צוג, וואָס האָט אין אײַזיקלס אויגן אויסגעזען ווי אַ שרעקלעכע פֿאַרזעעניש. אײַזיקל האָט נישט באַוויזן זיך גוט אַרומצוקוקן ווי אַ פּאָר שטאַרקע הענט האָבן אים אַ כאַפּ געטאָן און אַרײַנגעהייבן אין צוג. חיה האָט אים פֿלינק אַרײַנגעשטעקט אין זײַנע הענטלעך דאָס פּעקל קליידער און אַ זעקעלע מיט עסנוואַרג. דער לאָקאָמאָטיוו האָט קורץ און שאַרף אַ פֿײַף געטאָן. אײַזיקל האָט זיך דערזען אין אַ מערקווירדיקן צימער מיט אַ סך העלע בענק. ער איז געזעסן מיט נאָך קינדער קעגן אַ פֿרעמדער פֿרוי. ער איז געווען צעטומלט און זיך אומרויִק אױפֿגעהייבן צום פֿענצטער, כּדי צו זען זײַן מוטער. אָבער דאָ האָט ער מיטאַמאָל דערזען אַן אויסטערלישע דערשײַנונג: נישט דער צוג, נישט דער צימער מיט די העלע בענק האָט זיך אָנגעהייבן צו רירן, נײַערט דער וואָקזאַל אַליין האָט זיך גענומען באַוועגן – צוערשט פּאַמעלעך, באַלד האַסטיקער. די טעלעגראַף-סלופּעס האָבן גענומען לויפֿן, די וואַגאָנעס אויף די שכנותדיקע רעלסן האָבן אָנגעהייבן זיך אָפּצורוקן אהינטער און, ענדלעך, האָט גענומען זיך רירן אויך דער פּעראָן מיט די מענטשן. און ערגער פֿאַר אַלץ איז געווען וואָס דער פּעראָן האָט מיטגענומען אויך אײַזיקלס מוטער. חיה האָט אַראָפּגעשלעפּט פֿון איר רויט-האָריקן קאָפּ איר גרינעם טוך און געוווּנקען מיט אים אײַזיקלען, ביז זי איז אינגאַנצן פֿאַרשוווּנדן געוואָרן. פֿאַרבײַ דעם פֿענצטערל פֿון וואַגאָן זענען מיט אַ גרויסער שנעלקייט געלאָפֿן הײַזער, טעלעגראַף-סלופּעס אוןביימער אָן אַ שיעור. אײַזיקלען האָט אַרומגענומען אַ גרויס מורא: קיינמאָל האָט ער נישט געזען אַז הײַזער און בוימער זאָלן לויפֿן. אפֿילו גרויסע, שווערע מויערן זענען פֿאַרבײַגעלאָפֿן מיט אַ מוראדיקער שנעלקייט. אײַזיקלען האָט

געשווינדלט אין די אויגן. ער האָט זיך געפּילט ווי אַ פֿאַרלאָרענער אין אַן אומבאַקאַנטער וועלט, אַן אַויסגעשטויסענער פֿון זײַן זיכערער און היימישער סבֿיבֿה. מ'האָט אים אָפּגענאַרט, פֿאַרראַטן און איבערגעגעבן צו אַ פֿרעמדער, פֿײַנטלעכער מאַכט. און ערגער פֿאַר אַלץ איז געווען – די מוטער אַליין האָט אויך אָנטייל גענומען אין דער פֿײַנטלעכער אַקציע. די מוטער! דער נאָענטסטער און צופֿאַרלעסיקסטער מענטש! איז דאָך די מוטער אים אויך אַזוי נאָענט געווען ווי פּייסל, פֿונדעסטוועגן האָט זי אים פֿאַרראַטן און אַנטלאָפֿן צוזאַמען מיט די סלופּעס, רעלסן און פּעראָן – אַנטלאָפֿן צוזאַמען מיט די איבעריקע שלעכטע מוטערס!

די פֿרעמדע פֿרוי, וואָס איז געזעסן אַנטקעגן אײַזיקלען, איז געווען זייער פֿרײַנטלעך. זי האָט געזוכט צו געווינען זײַן צופֿאַרטרוי מיט זיסע רייד. הגם אײַזיקל האָט אַרויסגעוויזן אַ ווידערשטאַנד, האָט זי אים דאָך אוועקגעזעצט אויף איר שויס. אָבער דאָס ייִנגעלע האָט איר נישט געוואָלט אָנקוקן. ער האָט געקעמפּט מיט דער פֿײַנטלעכער סבֿיבֿה, וווּהין מ'האָט אים אַרײַנגענאַרט מיט פֿאַלשקייט און רשעות. ער האָט זיך באַשיצט מיטן איינציקן כּלי-זײַן וואָס איז געווען אין זײַן מאַכט – מיט זײַן הייזעריקן קול. ער האָט געשריען געליאַרמט און זיך געבריקט מיט די פּיס.

די פֿרוי האָט געפּרוּווט באַרויִקן אײַזיקלען:

"גיב נאָר אַ קוק, אײַזיקל! אָט האָסטו אַ פֿענצטער מיט די שענסטע שפּילזאַכן. אָט גייט אַ מענטש מיט אַ קליין וועגעלע. דאָרטן לויפֿט אַ רויט מיידעלע מיט אַ בלויען ייִנגעלע. שנעלער, כאַפּ צו דאָס וועגעלע, דאָס מיידעלע און דאָס ייִנגעלע! זע וואָס פֿאַר אַ קאָמישע היטעלע דאָס ייִנגעלע האָט אויף זײַן קעפּעלע. און אָט איז אַ קליין שטעטעלע מיט אַ שיינעם שפּיציקן קירכן-טורעם. זי ליגט דאָ ווי אויף אַ טעלער..."

אָבער אײַזיקל האָט אָפּגעקערט זײַן קאָפּ אָן אַ זייט און נאָך מערער געשריען. ער האָט זיך אײַנגעשפּאַרט מיט די הענט אין דער פֿרויס געזיכט און איר נישט צוגעלאָזן צו זיך. צום גליק האָט אָבער דאָס צימער מיט די

העלע בענק גענומען ווערן רויִקער, די רעדער אונטן האָבן אופֿגעהערט צו קלאַפּן, און ענדלעך האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט. אַלע זענען אַרויס פֿון וואַגאָן. אײַזיקל האָט נאָך אַלץ געשריען, געוויינט, זיך געצאַפּלט. מ'האָט אים אַוועקגעטראָגן אין אַ וואַלד, וואָס איז געווען אָנגעפֿילט מיט אָנגענעמע ריחות. אַ וואַרעמער פֿרילינג-ווינטל האָט אַ קלאַפּ געטאָן אײַזיקלען אין געזיכט. פֿייגעלעך האָבן געזונגען. מ'האָט אַרײַנגעפֿירט אײַזיקלען אין אַ זוניקן הויז מיט העלע צימערן און ווײַסע גאַרדינעס. אויפֿן טיש זענען געווען אויסגעשטעלט גלעזער מיט וואַרעמע מילך. דערבײַ איז געלעגן ווײַסע געבעקס. די דערציִערינס האָבן זיך באַצויגן צו אײַזיקלען זייער פֿרײַנטלעך, אָבער ער האָט נישט געקענט שליסן מיט זיי שלום כּל-זמן ער האָט זיך געפֿילט אָפּגענאַרט און אַרויסגעשטויסן פֿון זײַן היימישער וועלט. ער האָט נישט געקענט מער גלויבן פֿרויען, ווײַל די נאָענסטע פֿרוי, די מוטער, האָט אים מיאוס פֿאַרראַטן. ער האָט איבערהויפּט מער נישט געטרויט קיין מענטשן, אַ פּשוטע שוין – גאַנץ פֿרעמדער פֿרויען, וועלכע האָבן מסתמא גורם געווען דעם גאַנצן אומגליק.

דער רויטהאָריקער אײַזיקל, וואָס האָט שטענדיק גוטמוטיק געשמייכלט, איז מיטאַמאָל געוואָרן אַ פֿאַרביטערטער און שלעכטער ייִנגעלע. ער האָט געהאַסט קליין און גרויס. ווו נאָר ער האָט געקענט האָט ער נקמה גענומען פֿאַר זײַנע לײַדן. ער איז געווען אַ שלעכטער חבֿר; קיין איין שפּיל האָט זיך ניט פֿאַרענדיקט גוט, ווען אײַזיקל האָט אים אָנטייל גענומען. ער האָט צעבראָכן און געמאַכט אַ תּל פֿון אַלץ וואָס האָט געהערט צו די איבעריקע קינדער. ער האָט זיי מכבד געווען מיט קלעפּ אָן אַ שום פֿאַרוואָס. די קינדער האָבן פֿאַר אים מורא געהאַט און געזוכט מיט אַלע מיטלען פּטור צו ווערן פֿון אַזאַ תּכשיט. די גוטע וואַלד-לופֿט, די לידער, שפּילן, און שטועסן האָבן לחלוטין נישט געווירקט אויף אײַזיקלען. ער איז געוואָרן מאָגער, בלאַס, זייער ווייניק געגעסן און געטרונקען. די דערציִערינס האָבן נישט געוווּסט וואָס מיט אים אָנצוהייבן. נאָך אַ לאַנגע

ישובֿ הדעת האָבן זיי באַשלאָסן אָפּצושיקן איַיזיקלען צוריק אַהיים און אויף זיַין אָרט אָנצונעמען אַן אַנדער קינד, וואָס וועט פֿאַרשטיין צו שעצן די ווילטעטיקייט פֿון דער קאָלאָניע.

און נאָך פֿריער איידער חיה האָט געקענט וואַרטן, האָט איַיזיקל ווידער דערזען דאָס פֿיַיפֿנדיק און קרעכצנדיקע פֿאַרזעעניש. מ׳האָט אים ווידער אַריַינגעזעצט אין צימער מיט די העלע בענק, און ווידער האָט אַלץ אין דרויסן זיך אָנגעהויבן צו רוקן אויף הינטער. דער צימער האָט זיך ווידער געטרייסלט, די רעדער אונטן האָבן ווידער געקלאַפּט. אָבער איצט האָט איַיזיקל נישט געוויינט: אדרבא, זאָל זי פֿאַרשווינדן די פֿרעמדע וועלט, וועלכע ער האָט געהאַסט! דער וואַלד, די מענטשן, חיות און פֿייגעלעך זענען אים געווען פֿאַרהאַסט, ער האָט זיי נישט נויטיק געהאַט. איַיזיקל האָט קיין איינציק טרער צוליב זיי נישט פֿאַרגאָסן. ווי גוט וואָלט אים געווען, ווען ער וואָלט ווידער געווען אין זיַין היימישער, זיכערער, היים-געליבטער וועלט, ווו ער האָט געקענט זען חיה׳ן, דעם שיינעם פייסלען, די בעטלער-חבֿרה און דעם בית-עולם-טויער. אַפֿילו די פֿינף ברידער און שוועסטערס זענען אים איצט ליב געווען. זיי זענען דאָך דעם גאַנצן טאָג נישט געווען אין דער היים! איַיזיקל האָט מיט אַן אָנגעשטרענגטן בליק געקוקט דורכן פֿענצטער. זיַינע צוזאַמען געקוועטשטע ליפּן און די ברייטע נאָז זענען געווען צוגעדריקט צום שמוציקן, באַשטויבטן פֿענצטער-שויב. ער האָט געקוקט און געוואַרט אויף אַ שטיקל האָפֿענונג. פּלוצלונג האָט זיך אים אָפּגעדאַכט, אַז ער זעט באַקאַנטע זאַכן: אָט איז ווידער דאָס שיינע שפּילצײַג, וואָס ליגט ווי אויף אַ טעלער!... דער זעלבער טײַך, דאָס זעלבע שטעטעלע מיט דעם שיינעם שפּיציקן קירך-טורעם. נאָך אַ לאַנגער שורה פֿון לאָנקעס, פֿעלדער, ביימער און טעלעגראַף-סלופּעס האָט אַייזיקל דערזען אַ גרויסע שטאָט מיט הויכע קירך-טורעמס און ברייטע גאַסן. דאָס זענען געווען "זיַינע" טורעמס, "זיַינע " גאַסן. ער האָט זיי ווידער דערקענט. איצט האָט מסתמא אַלץ ווידער געקענט גוט ווערן. איַיזיקל האָט ממש אופֿגעלעבט. די נערוועזע

קראַמפּף האָבן אופֿגעהערט, דאָס שטענדיקע האַרציקע שמייכעלע האָט זיך ווידער באַוויזן לעבן זײַנע מויל-ווינקעלעך און זיך פֿאַמעלעך, נאָך נישט אינגאַנצן דרײַסט, פֿונאַנדערגעגאָסן איבער זײַן בלײַכן, אָפּגעצערטן פּנים... אָט זענען שוין פֿאַרבײַגעלאָפֿן אויך די לעצטע סלופּעס. אײַזיקל האָט דערזען דעם וואַקזאַל. דאָס צימער מיט די העלע בענק איז געוואָרן שטילער, אופֿגעהערט צו טרײַסלען און געבליבן פֿולקום רויִק. מ'האָט אַרויסגעטראָגן אײַזיקלען פֿון וואַגאָן און אים אוועקגעשטעלט לעבן זײַן מוטער חיהן. וועלכע האָט זיך כמעט נישט פֿאַרענדערט: די זעלבע גרינע טוך אויפֿן רויטהאָריקן קאָפּ, דער זעלבער פּנים, נאָר די פֿיגור האָט אויסגעזען אַ ביסל ברייטער. חיה האָט אײַזיקלען מקבל פּנים געווען אָן געבײַזער, מיט דער שטענדיקער פֿרײַנטלעכקייט. אײַזיקל איז געווען איבערצײַיגט, אַז ס'איז מסתמא פֿאָרגעקומען אַ טעות: ווי וואָלט דאָס זײַן ליבע מוטער מיטאַמאָל אים פֿאַרשיקט צווישן פֿרעמדע מענטשן? ער האָט אָבער נישט געוואָלט טראַכטן. ס'איז אים קלאָר געווען, אַז די מוטער געהערט אים מערער ווי אַלעמען, מערער ווי דעם פֿאָטער און די איבעריקע קינדער.

באַלד איז אײַזיקל ווידער געווען אין "זײַן" קעלער-ווױנונג. דורך "זײַנע" שויבן האָט ער ווײַטער געקענט זען די פֿיס די דורכגייער. די לופֿט אין קעלער איז געווען זייער שלעכט און שטיקנד, אָבער פֿון דעסטוועגן איז דאָ אַלץ געווען אַזוי ליב און גוט. אײַזיקל האָט מיט אַ מוראדיקן אַפּעטיט געשלונגען דאָס שוואַרץ, טרוקן ברויט און פֿאַרזופּט מיט קאַלטע מילך. ווען די מוטער איז אַוועקגעגאַנגען אין שטאָט, איז פּייסל ווידער געוואָרן פֿריילעך און גערעדט צו אײַזיקלען מיט אַ פֿרײַנטלעכן טאָן. ס'האָבן ווידער אָפּגעהילכט זײַנע ליבלינגס-לידער:

שנירעלע, פּערעלע, גאָלדענע פֿאָן!
משיח בן־דוד זיצט אויבנאָן...
און תשעה-באב איז אַ חתונה,

קיינער ז׳נישט געקומען,
דאָס יינגעלע, דאָס מיידעלע האָבן זיך גענומען...

און די מוטער האָט זיך מיישבֿ געווען, אַז ס׳וואָלט דאָךְ נישט שלעכט געווען איַיזיקלען ווידער מיטצונעמען אויפֿן בית-עולם. ער איז מיט אַ צופֿרידענעס שמייכעלע ווידער געזעסן אויף אירע הענט. ער האָט ווידער געהאַט בטחון צום לעבן, צו "זיַין" לעבן.

------------------

# ווי אַזוי חיים האָץ האָט אויסגעקויפּט זײַן זינד.

I.

גאָט האָט זיך דערבאַרעמט איבער דעם היטלמאַכער ברוך האָץ. יום-כּפּור בײַנאַכט האָט זײַן ווײַב אַ זון, אַ קדישזאָגער. ס׳איז געווען אַ גוטער סימן וואָס זײַן זון איז געקומען אויף דער וועלט דווקא אום יום-כּפּור. פֿון איצט אָן האָט ברוך האָץ געקענט רויִק שלאָפֿן: ער האָט שוין געהאַט אַ יורש, וואָס וועט טראָגן זײַן פֿאַמיליע-נאָמען און וועט מתפּלל זײַן פֿאַר זײַן נשמה נאָך הונדערט מיט צוואַנציק יאָר. ס׳זענען שוין געווען פֿאַרבײַ געגאַנגען צען יאָר זינט ברוך האָץ האָט חתונה געהאַט מיט רחלען, דעם וועלישקער רבינס טאָכטער. די גוטע און געטרײַע רחל האָט שוין געהאַט געבוירן צוויי יִנגעלעך, אָבער גאָט האָט זיי גלײַך נאָכן קימפּעט צוגענומען צו זיך. די צוויי טעכטערלעך אסתּר און רייע, געזונטע און געראָטענע טעכטערלעך, האָט ברוך האָץ נישט גענומען אין אַכט, ווײַל זיי האָבן נישט געקענט פֿאַרמײַדן די סכּנה צו פֿאַרבלײַבן נאָכן טויט אָן אַ קדיש-זאָגער.

ברוך האָץ האָט געהיט זײַן נײַ-געבוירענעם זון ווי די אויגן אין קאָפּ. ער האָט זיך צוגעהערט צו יעדער עצה, וואָס האָט געקענט ברענגען נוצן זײַן קינדס געזונט. ער האָט באַשלאָסן זיך נישט צו רעכענען מיטן מנהג צו געבן אַ קינד אַ נאָמען נאָך אַ טויטן. דאָס קינד האָט באַקומען דעם נאָמען פֿון אַ לעבעדיקן מענטשן – דעם נאָמען פֿון פֿרומען ייִדן ר׳ חיים פֿון וועלישקי.

ר׳ חיים איז געווען אַ גוטער מוסטער, זײַן נאָמען האָט געהאַט גרויס חשיבֿות און ער האָט דאָס נײַ-געבוירן קינד אַ סך שטאַרקער פֿאַרבונדן מיטן לעבן איידער אַ נאָמען פֿון אַ טויטן. ברוך האָץ האָט באַשלאָסן צו פּראַווען

אַ ברית, אַז דאָס שטעטל זאָל האָבן צו געדענקען: טייגלעך און איַינגעמאַכץ האָט ער נישט געזשאַלעוועט, אויך משקה האָט געזאָלט זיַין וויפֿל דאָס האַרץ וועט גלוסטן. ס'האָט געזאָלט זיַין ליהודים, מ'האָט געזאָלט זיך משׂמח זיַין אָן אַ שיעור, וויַיל ברוך דער היטלמאַכער האָט ענדלעך באַקומען אַ קדיש-זאָגער.

אָבער ברוכן איז נישט באַשערט געווען אַן אמתע שׂמחה, דער מוהל האָט אים מודיע געווען, אַז דער ברית מוז אָפּגעלייגט ווערן אויף דריַי חדשים. הגם די אָפּעראַציע איז בעצם געווען אַן אומגעפֿערלעכע, האָט דער מוהל דאָך נישט געוואָלט ריזיקירן. חיימס אויסזען האָט אַרויסגערופֿן ביַי אים גרויס ספֿקות. זיַין קאָפּ איז געווען צו גרויס פֿאַר אַזאַ דינעס און קורצן קערפּערל: פֿון בלאַסן און צעקנייטשטן פּנימל האָבן ארויסגעקוקט צוויי גרויסע, טונקעלע אויגן, וועלכע האָבן אויסגעדריקט צער און פּיַין. נאָך דעם פֿאַרשפּעטיקטן ברית האָט חיים אָפּט געקרענקט. ציַיטנוויַיז איז ער געווען אַזוי שוואַך, אַז מ'האָט מורא געהאַט ער זאָל חלילה נישט נאָכמאַכן זיַינע ברידערלעך און זיך נישט אָפּטראָגן אויף יענער וועלט. אָבער אין שוואַכן און שלעכט־אַנטוויקלטן קערפּערל איז געווען פֿאַרבאָרגן אַן אומגעהויער שטאַרקער ווילן צום לעבן. חיים האָט כמעט נישט געוויינט, לחלוטין נישט געשריִען, קיינמאָל אפֿילו נישט אַ שמייכל געטאָן. זעלטן ווען אַ קינד האָט אַזוי ווייניק מטריח געווען דאָס הויז-געזינד צוליב זיַינע באַדערפֿענישן. ער האָט געגעסן נאָר דעמאָלט, ווען מ'האָט אים געגעבן: אַליין האָט ער קיינמאָל נישט געפֿאָדערט. ער איז שטענדיק געליגן שטיל, ווי ער וואָלט פֿאַרשטאַנען אַז אַזאַ שוואַכן קערפּערל דאַרף ער נישט גורם זיַין קיין אומנוצלעכן פֿאַרברויך פֿון ענערגיע. אָפֿט האָט מען נישט געוווּסט, צו חיים איז געשלאָפֿן אָדער ער האָט געהאַלטן פֿאַרמאַכט די אייגן פֿון שוואַכקייט. ציַיטנוויַיז פֿלעגט ער אין משך פֿון לאַנגע שעה'ן ליגן אומבאַוועגלעך מיט אַ געשפּאַנטן בליק וואָס איז געווען פֿיקסירט אויף עמיצן פֿון די אַרומיקע אָדער אויף אַ זאַך. חיים האָט אָנגעהייבן צו רעדן אַ ציַיט פֿריער איידער ער

האָט אָנגעהייבן צו גיין, אָבער ער האָט גערעדט נאָר די נויטווענדיקסטע ווערטער. אַלע האָבן זיך געוווּנדערט ווי זאַכלעך און קלוג ער האָט גערעדט. ריכטיק גיין האָט ער אָנגעהייבן ערשט צו פֿיר יאָר. צוערשט איז ער אַרומגעקראָכן אויף דער פּאָדלאָגע, אַרומגעטאַפּט אַלע זאַכן און פֿאָרזיכטיק באַוועגט זײַן קערפּערל, וואָס האָט אים שוין גורם געווען אַ סך שמערצן. אַרומקריכנדיק אין דער האַלב-פֿינצטערער שטוב, ווו ס׳האָט קיינמאָל נישט אַרײַנגעשײַנט די זון, האָט חיים מיט זײַן דערפֿינדערישן חוש געפֿונען מיטלען ווי אַזוי זיך צו פֿאַרשאַפֿן פֿאַרשידענע חפֿצים. און זײַן פֿאָטערס ווערקשטוב האָט זיך געוואַלגערט דער אָפּפֿאַל פֿון היטל-שטאָף און קאַרטאָן. חיים האָט פֿון דעם פֿלינק אויסגעפֿאַרטיקט שפּילצײַג. צווישן בעט און אַלמער האָט ער זיך אויסגעזוכט אַ ווינקעלע, ווו ער האָט אומגעשטערט געקענט אַרבעטן. פֿאָרזיכטיק, פּאַמעלינקע האָט ער אַריבערגעקלעטערט דעם הויכן שוועל פֿון דער טיר וואָס האָט געפֿירט צו דער גאַס: צו ערשט האָט ער אריבערגעהייבן איין דין פֿיסעלע, זיך אָנגעשפּאַרט מיט די הענטלעך אָן אַ שטיין פֿון שוועל, אַריבערגעהייבן דעם קערפּערל און, ענדלעך, אויך דאָס צווייטע פֿיסעלע. חיים האָט דערזען אַ בלאָטיקע, שלעכט-געבראָקירטע גאַס אין אַן יידיש שטעטל אין ליטע, אָבער פֿאַר אים איז זי געווען אַ ברייטע פֿאַרבנרײַכע וועלט, פֿול מיט לעבן און דינאַמיק.

ווען די שכנות פֿלעגן אַרײַנקומען אין ברוך דעם היטלמאַכערס דירה, פֿלעגן זיי קיינמאָל נישט באַמערקן חיימען. זיי פֿלעגן זיך וווּנדערן, שאָקלען מיטן קאָפּ און פֿרעגן: "ווו איז חיימל?" ערשט ווען זייערע אויגן פֿלעגן זיך צוגעוווינען צו דער האַלבטונקעלער ליכטיקייט, וואָס האָט דאָרטן געהערשט, פֿלעגן זיי באַמערקן אויף דער פּאַדלאָגע אַ באַשעפֿעניש, וואָס האָט זיך באַוועגט פּאַמעלעך און שטיל.

אַ פּאָר ווײַבער האָבן געטענה׳ט: "סאַראַ מזל איר האָט צו קינדער, רחל! חיימל מאַכט אייך גאָר קיינמאָל נישט אָן קיין זאָרג און צער. ווײ,

סאַראַ צרות מיר מוזן אויסשטיין פֿון אונדזערע קינדער! זיי זענען אמתע קונדסים, צעלייגן ממש די וועלט. גאָט זאָל אײַער קינד געבן געזונט און אַ לאַנג לעבן!" אַנדערע ווײַבער האָבן אָבער גאָרנישט געזאָגט רחלען און נאָר אין דער שטיל געשעפּטשעט: "גאָט זאָל אויסהיטן פֿון אַזאַ בחורל! איז ער אַ צדיק אָדער אַ נאַר?"

מאָנאָטאָן און וואָכעדיק זענען געווען די טעג אין ברוך האָצס שטוב. נאָר דער שבת פֿלעגט אַרײַנברענגען אַ געוויסע ענדערונג. פֿרײַטיק פֿאַר דער שקיעה פֿלעגט די מוטער אַוועקלייגן אויפֿן טיש אַ רײַנעם טישטעך, אָנצינדן צוויי בענטש-ליכט, אומהייבן די הענט און מיט געפֿיל שעפּטשען אַ תּפֿילה. דער פֿאָטער פֿלעגט פֿאַרענדיקן זײַן אַרבעט פֿריִער ווי אין די איבעריקע טעג. ער פֿלעגט זיך וואַשן. פֿאַרקעמען זײַן בלאָנדע באָרד און אָנטאָן דעם גוטן לאַנגען ראָק, וועלכן די מוטער פֿלעגט פֿריער גוט אויספּוצן. דעמאָלט האָט דער פֿאָטער אויסגעזען שיין און יום-טובֿדיק. ער פֿלעגט נעמען דעם טלית און גיין אין בית-המדרש. אויך דיביידע שוועסטערס אסתּר און רייע פֿלעגן פֿרײַטיק-צונאַכט אויסזען פֿיל רײַנער ווי אין דער וואָכן און זיך אויפֿירן גאָר שטיל. שבת האָבן זיי בכלל וויניקער גערעדט און געשטיפֿט, דעריבער האָבן חיימס עמפֿינדלעכע אוירען זיך אַ ביסל אויסגערוט פֿון טומל. חיים האָט געפֿילט, אַז שבת פֿלעגט ער זיך פֿאַרבינדן מיט אַן אַנדער, סודותפֿולער וועלט. ער פֿלעגט דעמאָלט ווערן נאָך שטילער, די קנײַטשן אויף זײַן פּנים — נאָך טיפֿער, און די טונקעלע אויגן — נאָך גרעסער און גלאַנציקער. מיט זײַן גאַנצן וועזן האָט חיים געשטרעבט צום סודותפֿולן און פֿאַרבאָרגענעם כּוח וועלכער טראָגט דעם נאָמען גאָט. און חיימס קליינע און שוואַכע נשמהלע האָט זיך געוויקלט אַרום גאָט. דער פֿאָטער פֿלעגט קומען פֿון בית-המדרש, וואַשן די הענט, זיך זעצן צום טיש, אויף וועלכן ס'איז געווען ווײַן און חלות, און מאַכן קידוש.

חיים האָט זיך צוגעהערט ווי דער פֿאָטער האָט אַרויסגעזאָגט די ווערטער מיט אַ שיינעם, פֿײַערלעכן ניגון. יעדן פֿרײַטיק-צונאַכטס ברוך

האָץ האָט געזונגען די פּסוקים. חיים האָט זיי שוין געקענט אויסנווייניק. דאָס זענען געווען ווערטער פֿון אַ וויכטיקער באַדײַטונג. זיי האָבן משמעות געהאַט אַ שייכות צו "אים", צום געהײַמניספֿולן גאָט. חיים האָט נישט געוווּסט זײַן באַדײַטונג, אָבער ער האָט גאָרנישט געפֿרעגט וועגן אים. ער האָט מורא געהאַט צו באַרירן דעם סוד פֿון דער וווּנדערבאַרער וועלט, ווײַל אפֿילו אַלע געוועגלעכע חפֿצים אַרום זיך האָט ער זייער פֿאָרזיכטיק אָנגערירט מיט זײַנע דינע, צאַרטע פֿינגערלעך.

## II.

חיים איז געווען פֿינף יאָר אַלט ווען אַן אומדערוואַרטן געשעעניש האָט אַרײַנגעבראַכט אַן ענדערונג אין זײַן שטילן, אָבער אײַנדרוקספֿולן לעבן. שוין אַ געוויסע צײַט האָט זיך אין ברוך דעם היטלמאַכערס שטוב געפֿילט אַ געהײַמע אומרויִקייט, ווי ס'וואָלט זיך געגרייַט עפּעס אַזוינס, פֿאַר וואָס מ'האָט אַ ביסל מורא געהאַט. די שכנות האָבן אָפֿטער גענומען אַרײַנקומען צו רחלען, מיט איר שטיל געשמועסט און אויך זיך געשושקעט צווישן זיך. דער אַלמער, דער קאַמאָר און די בעטן זענען איבערגעשטעלט געוואָרן אויף נײַע ערטער. חיים האָט אָנגעשטרענגט זײַנע אַלע חושים כּדי זיך צו דערוויסן די סיבה פֿון די ענדערונען, אָבער ער האָט בשום אופֿן איר נישט געקענט דערגיין.

— זײַן מוטער רחל איז געוואָרן עפּעס אומבאַוועגלעכער, איר פּנים בלאַסער און אויסגעצויגן. דאָס קלייד איז אויף איר געהאַנגען געשמאַקלאָז און ברייט. אויסערלעך האָט זי אויסגעזען פֿאַרנאַכלעסיקט. דער פֿאָטער איז געוואָרן צעשטרײַט, האָט אָפֿט געמאַכט הפֿסקות אינמיטן דאַוונען, אָדער גאָר מיטאַמאָל אָפּגעשאַלאַמויזעט אַלע תּפֿילות מיט אַ מוראדיקער שנעלקייט. די קלענסטע אײַנצעלהייטן זענען נישט דורכגעגאַנגען פֿאַר חיימען אומבאַמערקטערהײַט.

איינמאָל מיטיק-צײַט, ווען חיים איז געזעסן אין זײַן ווינקעלע אויף דער פּאָדלאָגע און געפּרוּווט אויספּאַרטיקן פֿון קאַרטאָן און פֿאָדעם אַן אַעראָפּלאַן, האָט די שטאַרק-אויפֿגעדעקטע מוטער אַרויסגערופֿן דעם פֿאָטער פֿון ווערקשטוב און אים עפּעס אַרײַנגערוימט אין אויער. ברוך האָט גלײַך אַ כאַפּ געטאָן חיימען און אים אָן אַ דערקלערונג אַרײַנגעטראָגן צו דער שכנה באַסע, וועלכע איז געשטאַנען אין זייער גוטע באַציִונגען מיט רחל האָץ און אָנטייל גענומען אין אַלע אירע לײַדן און פֿרײַדן. די שוואַרצע באַסע מיט איר שמאָלן, פּערגאַמענט-בלאַסן פּנים און טיפֿע, בלישטשענדיקע אויגן איז געווען אַ טשיקאַווע ייִדענע. זי האָט פֿאַרמאָגט די זעלטענע אייגנשאַפֿט צו געווינען בײַ דער ערשטער באַקאַנטשאַפֿט דעם צוטרוי פֿון אַלע מענטשן, סײַ אָרעם, סײַ רײַך. באַסע האָט געוווּסט אַלע פֿאַרבאָרגענע צרות און שמערצן פֿון אירע באַקאַנטע. יעדער מענטש איז נאָך אַ שמועס מיט איר באַהערשט געוואָרן פֿון געפֿיל, אַז באַסע איז אים באמת אַ גוטער און אופֿריכטיקער פֿרײַנט. זי איז געווען אַ חשובֿער גאַסט בײַים שטעטלשן דאָקטאָר, בײַים אַפּטייקער, בײַים רײַכן תּבֿואה-הענדלער. זי פֿלעגט אַרײַנקומען צו זיי אויך אַזוי דרײַסט, ווי צום קצבֿ, צום שנײַדער אָדער צום היטלמאַכער. ווּ נאָר ס׳איז נויטיק געווען אַן עצה אָדער הילף, דאָרטן האָט זיך שוין אין דער ריכטיקער שעה אײַנגעפֿונען די שוואַרצע באַסע. זי האָט געוווּסט אַלץ וואָס ס׳טוט זיך בײַ יעדערן. קיינער האָט נישט פֿאַרשטאַנען דעם קונץ צוצולייגן אַ האַנט אַזוי גוט ווי באַסע.

נאָר ביי חיימען האָט באַסע נישט געהאַט קיין דערפֿאָלג. אומזיסט האָט זי זיך באַמיט אַרויסצובאַקומען פֿון אים כאָטש אַ פּאָר ווערטער: ס׳האָבן נישט געהאָלפֿן די פֿאַרשדענע נאַשערײַען וואָס זי האָט אים אָנגעבאָטן. אפֿילו דאָס געראָטענע אײַנגעמאַכץ און די פּעפֿער-ניס, וואָס חיים האָט זייער ליב געהאַט, האָבן אויף אים נישט געווירקט. דאָס זיצן בײַ דער שוואַרצער באַסע איז פֿאַר אים געווען אַן אָפּקומעניש. צום ערשטן מאָל איז ער איצט געווען בײַ איר אַליין, אָן דער מוטער. געוויינלעך פֿלעגט ער זיך

באַהאַלטן הינטער רחלס רוקן און אויסמײַדן צו ענטפֿערן אויף באַסעם שאלות. איצט האָט ער זיך געפֿילט עלנט און פֿאַרלאָזט.

פֿאַרנאַכט, ווען ס'איז געקומען פֿאַר חיימען די צײַט צו גיין שלאָפֿן, האָט זיך געעפֿנט די טיר און ס'איז אַרײַנגעקומען דער פֿאָטער. ער האָט געוואָלט וויסן וואָס חיים מאַכט. דער פֿאָטער האָט זיך שטאַרק פֿאַרענדערט: זײַן פּנים איז געוואָרן רויט, די האָר אַפֿן קאָפּ – צעשויבערט. ער האָט וועגן דער מוטער קיין איין וואָרט נישט גערעדט. חיים האָט מורא געהאַט צו פֿרעגן, ווײַל ער האָט אָנגעהייבן צו פֿאַרשטיין, אַז די געהיימע אומרויִקייט און אומבאַשטימטע מורא האָט געהאַט אַ שייכות צו זײַן מוטער.

אין אָוונט איז אין באַסעס שטוב געווען זייער לעבהאַפֿט. שכנות און סתּם באַקאַנטע זענען אַרײַנגעקומען זיך דערוויסן די לעצטע נײַעס פֿון שטעטל, כאַפּן אַ שמועס, אָדער בכלל אונטערהערן אַ ביסל רכילות. אייניקע, מער באַשײַדענע זענען געקומען זוכן בײַ באַסען אַ שטיקל טרײַסט אין זייערע צרות. חיים האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקעלע צווישן בעט און קאָמאָד און זיך צונויפֿגעקאָרטשעט, כּדי כאָטש אַ ביסל זיך אויסצובאַהאַלטן פֿון פֿרעמדע בליקן. דאָס גרויסע צימער, וואָס איז געווען פֿול מיט באַוועגונג, קולות און ריחות, האָט בײַ דעם אומהיימלעכן שײַן פֿון פֿאַררויכערטן הענג-לאַמפּ אויסגעזען ווי אַ נישט-רעאַלע פֿאָרשטעלונג, ווי אַ מישמאַש פֿון ווײַטע, צעשוווּמענע טרוים-בילדער, אַ מאָדנע אימה האָט אַרומגענומען חיימען. זײַנע אויגן האָבן זיך גענומען צומאַכן פֿון זיך אַליין, אָבער ער האָט באַקעמפֿט די מידקייט. מיטאַמאָל האָט זיך געעפֿנט די טיר און אין צימער איז אַרײַנגעקומען אַ פֿרוי אין אַ גרויסן, בלויען פֿאַרטעך. צוזאַמען מיט איר האָט זיך דורך דער טיר אַרײַנגעריסן אַ לאַנגער, הויכער געשריי. די פֿרוי אין בלויען פֿאַרטעך איז חיימען פֿאַרגעקומען עפּעס באַקאַנט. ס'האָט זיך אים אָפּגעדוכט אַז ער האָט איר שוין ערגעץ-ווו געזען, אפֿשר אין חלום. די פֿרוי איז האַסטיק צוגעגאַנגען צו באַסען און איר עפּעס אַרײַנגעשעפּטשעט אין אויער. גלײַך נאָכדעם האָט זי אויפֿגעעפֿנט אַלע

שופֿלאָדן פֿון קאַמאָד און אַלמערס און זיי געלאָזט שטיין אָפֿן. באַשײַמפֿערלעך איז דאָס טאַקע געווען דער ציל פֿון איר קומען, ווײַל זי איז ווידער האַסטיק אַרויסגעלאָפֿן פֿון שטוב. ווען עמיצער האָט ווײַטער געעפֿנט די טיר, האָט חיים ווידער דערהערט דעם זעלבן לאַנגן און שמערצפֿולן געשרײַ, אָבער אַלע מענטשן אין באַסעס שטוב האָבן זיך געמאַכט נישט-הערנדיק, און קאַלטבלוטיק געשמועסט, ווי ס׳וואָלט גאָרנישט פּאַסירט. חיים איז געווען אויסער זיך: ער האָט פֿאַרשטאַנען אַז ס׳איז פֿאָרגעקומען אַן אויסטערלישע געשיכטע, אָבער ער האָט נעבעך געמוזט געדולדיק וואַרטן אויף אַ דערקלערונג מצד די גרויסע. אַ געפֿיל פֿון הילפֿלאָזיקייט האָט אים פֿאַרקלעמט דאָס האַרץ.

די מידקייט האָט ענדלעך גובֿר געווען חיימען. ער איז אײַנגעשלאָפֿן אין ווינקעלע אויף דער פּאָדלאָגע. אין חלום האָט ער זיך דערזען אויף אַ גרויסע, גרינע לאָנקע. די מוטער האָט אים גערופֿן, אָבער ער האָט נישט געקאָנט דערגיין פֿון וואַנעט ס׳גייט איר קול. חיים איז געווען דערשיטערט. נאָך אַ לאַנגער זוכעניש האָט ער אַנטדעקט, אַז זײַן מוטער געפֿינט זיך הינטער אַ שמאָלן גראָב. חיים האָט געפּרוּווט אַריבערשפּרינגען דעם גראָב, אָבער ס׳האָט זיך אים נישט אײַנגעגעבן. ער האָט געפֿילט, ווי עפּעס אַ באַהאַלטענער כּוח וואָלט אים צוריקגעהאַלטן און נישט געלאָזט שפּרינגען. די מוטערס קולות זענען נאָך שטאַרקער געוואָרן. פּלוצים האָט זיך דער גראָב אופֿגעהייבן און פֿאַרשוווּנדן געוואָרן. אויף זײַן אָרט האָט חיים דערזען אַ ריזיקן שלאַנג מיט אַ ברייט-אָפֿענעם מויל ווי אַ תּהום. דעם שלאַנגס צונג האָט זיך געצויגן צו חיימען. חיים האָט זיך אופֿגעכאַפּט פֿון שלאָף און אַ דערשראָקענער געקוקט אויף אַלע זײַטן. ער איז געווען אין באַסעס שטוב. דער פֿאַררויכערטער לאָמפּ האָט געוואָרפֿן אַ טונקעלן שײַן אויף די ווענט און טעבל. אַ פּאָר מענטשן זענען נאָך געזעסן בײַם טיש און געזופּט קאָכעדיקע טיי. חיים וואָלט אויך גערן געטרונקען אַ גלעזל טיי און וואָס פֿאַרביסן, ווײַל פֿון מיטיק אָן האָט ער גאָרנישט געגעסן. אָבער

פֿונדעסטוועגן איז ער זיכער געווען, אַז ווען די שוואַרצע באַסע וואָלט אים אָנגעבאָטן טיי מיט נאַשערײַען, וואָלט ער נישט גענומען פֿון איר האַנט. חיים האָט נאָך נישט באַוויזן זיך צו באַזינען. ווי עס האָט זיך ווידער געעפֿנט די טיר און אין צימער איז אַרײַנגעלאָפֿן זײַן פֿאָטער אַזוי האַסטיק, ווי ס׳וואָלטן אים געטראָגן די פֿאָלעס פֿון זײַן ראָק. די האָר און זײַן בלאָנדע באָרד זענען געווען נאָך מערער צעשויבערט ווי פֿריִער. ער האָט שווער געאָטעמט. ער האָט געבראַכט אין זײַן לינקער האַנט אַ פּאָר שטיקלעך שוואַרץ ברויט מיט ווורשט. חיים האָט מיט גרויס הנאה אופֿגעגעסן דאָס ברויט און באַהאַלטן דעם ווורשט אויף שפּעטער. קײַענדיק, האָט ער געטעהנעט: "נעם מיך מיט אַהיים, איך וויל דאָ נישט בלײַבן!" אָבער דער פֿאָטער האָט אים נישט געקוקט אין די אויגן און שטיל באַמערקט: "באַלד, מיט גאָטס הילף." באַלד איז ער פֿאַרשוווּנדן אויך אַזוי שנעל, ווי ער איז געקומען.

ערשט אויף מאָרגן נאָך מיטיק האָט מען חיימען געבראַכט צוריק אַהיים. אַ פֿאַרשעמטער איז ער געשטאַנען אויפֿן שוועל פֿון שלאָפֿצימער, ווּ די מוטער איז געלעגן. עפּעס וואָס האָט געוויס פּאַסירט! אַ שרעק האָט אַרומגעכאַפּט חיימען. ער האָט נישט געהאַט קיין מוט צוצוגיין נענטער. די מוטער איז געלעגן אין בעט, אַ בלײַכע, אַן אָפּגעצערטע. אירע האָר זענען געווען פֿאַרקעמט אויף אַרויף, אויף איר ברוסט איז געלעגן אַ ווײַסער, לאַנגער פּעקל, וועלכן זי האָט צערטלעך גערריקט צו זיך. זי האָט שוואַך געשמייכלט צו חיימען. אויפֿן בעט איז מיט גרויס חשיבֿות געזעסן די פֿרעמדע פֿרוי אין בלויען פֿאַרטעך און האָט אופֿמערקזאַם געקוקט אויפֿן פּעקל. חיימען איז די פֿרוי נישט געפֿעליק געוואָרן שוין פֿון ערשטן בליק. משמעות, אַז זי איז שולדיק געווען אין זײַן מוטערס געשרײַען און קראַנקייט. די פֿרוי האָט זיך אײַנגעבויגן צו דער מוטער און געוואָלט פֿון איר צונעמען דעם פּעקל, אָבער פּלוצלונג האָט דאָס פּעקל אַרויסגעלאָזן אַ דינעם, קוועטשעדיקן געשרײַ. חיים איז געשטאַנען אַ פֿאַרגאַפֿטער. די

מוטער האָט אויסגעשטרעקט אירע מאָגערע הענט, אַ כאַפּ געטאָן דאָס פּעקל און פֿאַרזיכטיק עס ווידער צוגעדריקט צו איר ברוסט. "איר זײַט שוין געַנוג שוואַך, רחל!" – האָט די פֿרוי געזאָגט – "איר טאָרט זיך נישט לאָזן פֿון אים פֿאַרשלינגען. ער איז דאָך אַן אמתער רויבער!" און דערזעענדיק חיימען, האָט זי אויסגערופֿן: "קום אהער, ייִנגעלע, ווילסט גאָר נישט אָנקוקן דײַן ברודערל?"

חיים האָט טאַקע נישט געוואָלט זען דאָס ווײַסע פּעקל. ער האָט זיך אָפּגעקערט און שטיל אַרויסגעגאַנגען פֿון צימער.

רחל האָץ האָט פֿון דעמאָלט אָן געהאַט נאָר איין אַרבעט: זי האָט כּסדר געקוקט ווי ס׳איז געוואַקסן דאָס נײַ-געבוירענע ייִנגעלע, וועלכער האָט געהייסן לייבעלע. אמת, רחל האָט זיך באַשעפֿטיקט אויך מיט אַנדערע אַרבעט: געקאָכט, געוואַשן, גענייט, געשטאָפּט, אָבער אירע געדאַנקען זענען שטענדיק געווען בײַ איר נײַעם מיזיניקל, בײַ לייבעלען. ער האָט זיך אַנטוויקלט גרויסאַרטיק. עס איז שווער געווען פֿעסטצושטעלן אין וועמען ער איז געווען געראָטן. מ׳האָט געמוזט צוערשט זיך גוט אָנקוקן אויפֿן בחורל און זיך ריכטיק מיישבֿ זײַן. צווישן אַלע קרובֿים פֿון ברוך האָץ און זײַן פֿרוי איז קיינער נישט געווען ענלעך צו לייבעלען. מ׳האָט עפּעס יאָ געשמועסט, אַז ברוכן עלטער-זיידעס זענען געווען שטאַרקע, געזונטע מענער, אָבער קיינער פֿון די לעבעדיקע משפּחה-מיטגלידער האָט זיי פּערזענלעך נישט געקענט.

לייבעלע איז ווירקלעך געווען אַן אויסנאַם. ווען ער איז אַלט געווען אַ פּאָר וואָכן, האָט ער שוין געפּרוּווט הייבן דעם אייבערשטן חלק פֿון זײַן קערפּער. משמעות אַז ער האָט שוין געוואָלט זען וואָס ס׳טוט זיך אַרום אים. ער האָט אַזוי שטורמיש באַוועגט מיט זײַנע פֿיסלעך, אַז די שטאַרקסטע ווינדעלעך האָבן נישט אויסגעהאַלטן און מ׳האָט געמוזט פֿאַר אים שטענדיק נייען גאַנץ נײַע. אָבער מ׳האָט עס געטאָן מיט גרויס חשק, ווײַל ס׳איז געווען אַ פֿרייד צו קוקן אין לייבעלעס קלאָרע, בלויע אויגן,

וועלכע האָבן שטענדיק געשמייכלט פֿון צופֿרידנקייט. אַן אמתע איבעראַשונג איז געווען פֿאַר אַלעמען זײַן עקשנותדיקער, כּמעט אײַזערנער ווילן. לייבעלע האָט געמוזט דורכאויס אויספֿירן זײַנע קאַפּריזן, שטילן זײַנע תּאוות. מיט אַ זייער גרויסן חשק האָט לייבעלע געזויגט פֿון זײַן מוטערס ברוסט און איר נישט אָפּגעלאָזט, ביז ער האָט נישט געפֿילט די העכסטע מדרגה פֿון זאַטקייט. ווען מ׳פֿלעגט אים אָפּרײַסן פֿון דער ברוסט אַ מינוט פֿריער, פֿלעגט ער מאַכן אַזעלכע ווילדע קולות, אַז די ווענט האָבן ממש געציטערט. די מוטער איז דעמאָלט געווען גרייט אויף מסירות-נפֿש און האָט מיט אַ געוואַלטיקער צערטלעכקייט באַפֿרידיקט לייבעלען. אַזאַ שיינער, רײַצנדער, הערלעכער יִנגעלע! ווי האָט מען אים געקענט מצער זײַן? האָט מען דען געקענט אויף אים זיך בײַזערן? אַפֿילו ווען ער איז מרעיש עולם געווען מיט זײַנע מעכטיקע געשרײַען האָט מען אויך זיך נישט געבײַזערט. פֿון דער מוטער איז דאָך געוויס געווען אָפּגערעדט! אויך דער פֿאָטער, וועלכער האָט דעם גאַנצן טאָג געאַרבעט אין ווערקשטוב און געליטן פֿון ליאַרם, האָט זיך נישט געבײַזערט. אַפֿילו דיביידע שוועסטערס, וועלכע האָבן שוין געאַרבעט אויף שטעלעס, זענען אויך נישט אין כּעס געווען אויף לייבעלע צוליב זײַנע געשרײַען אַון קאַפּריזן. מיט חיימען האָבן זיי איברהויפּט קיינמאָל נישט גערעדט, כּמעט זיך מיט אים נישט אינטערעסירט. ער איז געווען "נישט-אינטערעסאַנט, לאַנגווײַליק". מיט לייבעלעך איז אָבער געווען זייער אינטערעסאַנט זיך צו שפּילן: מיט אים האָט מען געקענט זיך רײַצן און שטיפֿן וויפֿל מ׳האָט געוואָלט. ער האָט מיט זײַנע ווילדע שטיק משׂמח געווען דאָס הויז-געזינד און אַלע האָבן געקוואָלן פֿון נחת. לייבעלע איז געווען ברוטאַל, פֿיזיש-שטאַרק, אַ יִנגעלע - אַ ברען!

אַזוי האָט זיך אָנגעהייבן לייבעלעס הערשאַפֿט אין ברוך האָצס משפּחה. וואָס גרעסער און שטאַרקער לייבעלע איז געוואָרן, אַלץ מער זענען געוואַקסן זײַנע מאַכט-פּרעטענזיעס, סײַ אין כּמות, סײַ אין איכות, ער האָט נישט געוואָלט וויסן קיין חילוק פֿון טאָג און נאַכט. אַפֿילו אינמיטן

נאַכט האָט ער בײַם קלייענסטן הונגערגעפּיל געפֿאָדערט פֿון דער מוטער זויגן. ווען זי האָט אים נישט אַזוי האַסטיק געגעבן, האָט ער געמאַכט קולות ביזן הימל. גלײַכצײַטיק האָט זיך אין לייבעלען אַנטוויקלט אַ צעשטערונגס-אינסטינקט. אַלס קרבן פֿאַר אים זענען געפֿאַלן אַ סך פֿון חיימס שפּילצייג, וועלכע יענער האָט מיט אַ טיפֿן קינסטלערישן חוש געהאַט אַליין אויסגעפֿאַרטיקט. חיים האָט נעבעך געמוזט צוזען און שווײַגן. די עלטערן האָבן זיך אָפּט פֿאַרענטפֿערט: "נישט אַזוי שרעקלעך, חיים! דו ביסט דאָך דער קלוגער, דער אָנשטענדיקער, דער בעל-שׂכל! וועסט מאַכן אַ נײַעם וועגעלע, אַ נײַעם אַעראָפּלאַן. לייבעלע איז דאָך אַזוי קליין, אַזוי נאַריש!"

ביסלעכווייז איז לייבעלע געוואָרן אַן אמתער מזיק. ער פֿלעגט כאַפּן אין הענטל אַ מעסער, אַ שער, אַ גאָפּל און אָנגרייפֿן דערמיט אַלע אַרומיקע, ער פֿלעגט זיך אַפֿילו נישט שרעקן פֿאַרן קאָכעדיקן סאַמאָוואר. הגם מ׳איז געווען געווינט אים נאָכצוגעבן אַלע זײַנע קאַפּריזן, האָט מען דאָך געמוזט זיי באַגרענעצן, כּדי ער זאָל נישט געמזיקט ווערן. מ׳האָט אים געהאַלטן אונטער שטענדיקער שמירה. מ׳פֿלעגט פּרוּוון אים ווירקן מיט דערציִערישע מיטלען, אַפֿילו געדראָעט אים, געוואָרנט, אָבער קיין זאַך האָט נישט געהאָלפֿן. ער פֿלעגט דעמאָלט ווערן אין כּעס, ווערן נאָך מערער אַגרעסיוו. לייבעלע איז געווען אַ פּרא-אדם, פֿאַר קיין זאַך נישט מורא געהאַט. ער פֿלעגט נישט אויסמײַדן קיין קאַמף מיט דעם שטאַרקסטן קעגנער און פֿלעגט אַרויסווײַזן אַ מייסטערהאַפֿטע פֿעיִקייט אָנצוגרײַפֿן און זיך צו פֿאַרטיידיקן. די פֿאָדלאָגע איז געווען דער ליבלינגס-אָרט, ווו ער האָט אויסגעפֿירט זײַנע האַלדז-ברעכערישע קונצן. האָט מען געפּרוּווט אים שטערן, איז געווען אַ סכּנה צו אים צוצוגיין: ער האָט געאַרבעט מיט די הענט און פֿיס ווי מיט באַיאָנעטן און געשפּאָלטן דעם הימל מיט זײַנע מעכטיקע געשרײַען. אַ שוים פֿלעגט אים אַרויסשלאָגן אויף זײַנע ליפּן און אַ מוראדיקער כּעס פֿלעגט אויסדריקן זײַן פּנים. נאָך אַ שענערע קונץ פֿלעגט ער ווײַזן, זיצנדיק אויף דער מוטערס שויס: ער פֿלעגט אַ שלײַדער טאָן אויף הינטער דעם

אויבערשטן חלק פֿון זײַן שטאַרקן, מוסקולעזן קערפּער מיט אַזאַ כּוח, אַז די מוטער פֿלעגט מוזן אָנווענדן איר גאַנצער קראַפֿט, כּדי נישט אַראָפּצופֿאַלן פֿון שטול צוזאַמען מיט אים. זײַנע שטאַרקע פֿיסלעך פֿלעגן דעמאָלט בלײַבן שטעקן אין אירע הענט, אָבער דער גאַנצער קערפּער פֿלעגט הענגען ווי אַ ברעט אין דער לופֿטן מיטן קאָפּ אַראָפּ. בײַ דער קונץ פֿלעגט דער מוטער פֿאַרקלעמען דאָס האַרץ און זי האָט נישט געהאַט קיין אַנדער מיטל ווי זיך צו בעטן בײַ לייבעלען:

"לייבעלע, טײַערער, זיסער בחורל, זיי גוט צו מיר! וואָס ווילסטו מײַן גאָלד? וואָס זאָל איך דיר געבן? אָט האָסטו מײַן קאָפּ, מיינע האָר, מײַן געזיכט. רײַס, קנײַפּ, שלאָג, נאָר זײַ ווידער גוט, מײַן טרײַסט, מײַן אוצר!"

דעמאָלט פֿלעגט לייבעלע דערגרײַכן זײַן העכסטן טריִומף. ער פֿלעגט מיט חסד אָננעמען דעם פֿאָרשלאַג: רײַסן די מוטער פֿאַר די האָר, פּויקן מיט די פֿויסטן אויף איר פּנים און רײַסן איר דאָס קלײַד פֿון לײַב. די מוטער פֿלעגט בשעת מעשׂה זאָגן: "זײַ ווידער אַ גוטער, לייבעלע, מײַן גאָלד, זײַ גוט!" און ער פֿלעגט זיך נאָכדעם באַרויִקן.

פֿלעגט אָבער לייבעלע נישט אָננעמען דעם פֿאָרשלאַג, איז געווען שלעכט, ביטער! דעמאָלט איז מען געווען נאָענט צו פֿאַרצווײַפֿלונג.

חיים האָט צוגעזען אַזעלכע סצענעס און איז געווען אויסער זיך. אַ מוראדיקער כּעס פֿלעגט אים באַהערשן, זײַן האַרץ פֿלעגט קלאַפּן ווי אַ האַמער פֿון צער און ווייטיק. די מוטער איז כּסדר טעראָריזירט געוואָרן פֿון אַזאַ רשע, פֿון אַזאַ זולל וסובא, און קיין מיטל איז נישט געווען! חיים האָט הילפֿלאָז געקריצט מיט די ציינער, זײַנע הענטלעך האָבן זיך געבײלט אין פֿויסטן, זײַן כּעס האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ שׂנאה צו לייבעלען.

## III.

לייבעלע איז געוואַקסן, זײַן כּוח איז אויך געוואַקסן און האָט אים געשטויסן צו פֿאַרגרעסערן זײַן מאַכט. די אַלטע פּריווילעגיעס האָבן אים

מער נישט באַפֿרידיקט. נײַע צוטראַכטן איז זײַן מוטער נישט געווען בכוח. איר נאָכגיביקייט האָט שוין דערגרײַכט די העכסטע מדרגה. איינמאָל, ווען לייבעלע איז ווידער געהאַנגען שטײַף ווי אַ ברעט מיטן קאָפּ אַראָפּ און נישט געוואָלט אײַנגיין אויף קיין שום קאָמפּראָמיס, איז די מוטער פּלוצים געפֿאַלן אויף אַן המצאה.

אויף דער פּאָדלאָגע איז געלעגן לייבעלעס הייבעלע, וואָס ער האָט זיך אַרונטערגעריסן פֿון קאָפּ.

"קום אַהער, חיימל!" – האָט די מוטער געזאָגט. – "דו ביזט דאָך בײַ אונדז דער קליגערער. מיט דיר קען מען רעדן. הייב אויף דאָס הייבעלע און טראָג עס אַוועק צו דער אַלטער מיכלען. זאָג איר, אַז איך, רחל האָץ, בעט זי זאָל פֿאַרעדן דאָס הייבעלע. מיכלע קען מיך גוט. לויף גיכער צו איר, ווײַל איך קען שוין מער נישט אויסהאַלטן פֿון לייבעלען! ב׳האָב מורא ער זאָל מיר נישט אויסברעכן די הענט."

חיים האָט זיך אַ הייב געטאָן. ער האָט פֿיינט געהאַט לייבעלען, דעם גנבֿ, דעם רויבער, דעם פּאַראַזיט. פֿאַר אים איז דאָס ברודערל געווען אַ געמיינע און אומנוצלעכע בריאה. ער וואָלט מיט פֿאַרגעניגן צעריסן דאָס הייבעלע און זיך נישט מטריח געווען צו מיכלען, אָבער ער איז דאָך געווען דער קלוגער, דער אָנשטענדיקער! אַלע האָבן אים געהאַלטן פֿאַר אַ לײַט, האָט ער געמוזט פֿאָלגן און אַוועקטראָגן צו מיכלען דאָס הייבעלע.

"דו ווייסט דאָך, חיימל, וווּ מיכלע וווינט. איך בין מיט דיר שוין איינמאָל געווען בײַ איר. זי וווינט הינטער דעם אַלטן ייִדישן בית-עולם. גיי דורך די גרינע גאַס פֿאַרבײַ דעם בהמות-מאַרק. דו וועסט שוין טרעפֿן וווּ מיכלע וווינט."

אין דרויסן איז שוין געווען פֿינצטער. די פֿולע לבֿנה האָט זיך אָנגעהייבן צו פֿאַרקלענערן. זי איז געשטאַנען הויך איבערן הימל און געוואָרפֿן דורך די בלאָנדזשענדיקע וואָלקנס שאָטנס, וועלכע האָבן אויף דער ערד אויסגעזען ווי משונהדיקע געשפּענסטער. אָפֿט פֿלעגט ווערן אַזוי

פֿינצטער, אַז חיים פֿלעגט מוזן זיך אָפּשטעלן און וואַרטן ביז די לבֿנה וועט ווידער נעמען לײַכטן. פֿון די הײַזער האָבן זיך אַרויסגעזען נאָר שוואַכע ליכט-שטראַלן. חיים איז געגאַנגען און געטראַכט וועגן דער מוטער. ווי האָט זי נישט מורא געהאַט צו שיקן אים אַליין אין אַזאַ פֿינצטערער נאַכט? און וווהין האָט זי אים געשיקט? צו מיכעלען, דורך אַן איינזאַמען וועג פֿאַרבײַ דעם בהמות-מאַרק, דורך דעם אַלטן יִדישן בית-עולם, ווו מ׳האָט שוין יאָרנלאַנג נישט מקבֿר געווען קיין טויטע, ווו די קבֿרים זענען געלעגן אַזוי נאָענט איינער לעבן אַנדערן, אַז מ׳האָט נאָר מיט גרויס מי קעקענט שטעלן צווישן זיי אַ פֿוס. צי האָט די מוטער נישט געוווּסט, אַז ער האָט מורא געהאַט דורכצוגיין די גרינע גאַס אַפֿילו בײטאָג? די מוטער האָט דאָך געוווּסט די מעשׂיות וועגן צײַכנס, וואָס די טויטע האָבן געגעבן. איר זענען דאָך געווען באַקאַנט די געשיכטעס וועגן פֿאַרשטיקטע געשרײַען פֿון קבֿרים, ווו ס׳האָבן נישט געקענט אײַנרוען יענע מתים, וועלכע האָבן נאָך זיך נישט נאָכגעלאָזט קיין קדיש-זאָגער. און לייבעלע איז געוויס נישט ווערט געווען, אַז צוליב אים זאָל מען מוזן גיין אין דער נאַכט צווישן קבֿרים...

לעבן צוים פֿון בהמות-מאַרק האָט חיים פּלוצים דערזען אַ משונהדיקע געשטאַלט, וועלכע האָט צו אים אויסגעשטעקט לאַנגע און דאַרע הענט. חיים האָט אַ געשרײַ געטאָן און אַנידערגעפֿאַלן אויף דער פֿײַכטער האַרבסט-ערד. אַ קאַלטער שווייס האָט באַדעקט זײַן שטערן. ער איז פֿון מורא געווען כמעט אָן באַוווּסטזײַן. ביסלעכווײַז איז ער געקומען צו זיך, אָבער ער האָט מורא געהאַט זיך צו באַוועגן. באַלד האָט ער זיך איבערצײַגט, אַז קיינער האָט אים נישט אָנגעכאַפּט, קיינער נישט געוואָרגן. פֿונדעסטוועגן איז ער געבליבן ליגן ווײַטער. ענדלעך האָט ער דערהערט שטאַרקע, יוונישע טרויט. אַזוי איז נישט געגאַנגען קיין מת, אַזוי איז אויך נישט געגאַנגען קיין שד! אַזוי האָט געקענט גיין נאָר אַ לעבעדיקער מענטש, אַ בשׂר ודם, וועלכער לעבט אין אַ שטוב, פֿאַרדינט געלט, רעדט, לאַכט,

ליבט, איז גוט, אָדער שלעכט. חיים איז געוואָרן מוטיקער און אויפֿגעהייבן דעם קאָפּ. ער האָט דערקענט דעם מענטשן, וועלכער איז צוגעגאַנגען נענטער: ס׳איז געווען דער ליטווישער בהמות-הענדלער אויגונאַס, וועלכער האָט געוווינט אויף דער זעלבער גאַס ווו ס׳האָבן געלעבט חיימס עלטערן.

אויגונאַס איז געווען אַ הויזבאַזיצער. אים האָט געהערט דאָס הילצערנע הויז, ווו ס׳איז געווען ר׳ מענדלעס חדר. דער הויכער, דיקער גוי מיטן גרויסן, געלהאָריקן קאָפּ און לאַנגע שטאַרקע, ביינערדיקע הענט פֿלעגט אַלעמאָל אָנוואַרפֿן אַן אימה אויף חיימען, ווײַל ער איז געווען אַן אַנטיסעמיט, וועלכער האָט גערעדט נאָר שלעכטס פֿון ייִדן און פֿאַרשפּרייט וועגן זיי מוראדיקע שקרים. אין דעם מאָמענט אָבער האָט חיים זיך געפֿרייט, וואָס אויגונאַס איז פֿאַרבײַגעגאַנגען. ער איז, לכל הפּחות, געווען אַ לעבעדיקער מענטש: ס׳איז שוין מער נישט געווען אַזוי אומהיימלעך צו גיין צווישן קבֿרים. דערבײַ האָט חיים זיך איבערצײַגט, אַז זײַן שרעק איז געווען אומגעגרינדעט: די משונהדיקע געשטאַלט מיט די לאַנגע און דאַרע הענט האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַ באַוועגליכן שאָטן פֿון אַ נאַקעטן בוים, וועלכן ס׳האָט געשאָקלט דער ווינט. אויגונאַס איז געגאַנגען אין דער זעלבער ריכטונג, ווו חיים געדאַרפֿט גיין. דאָס ייִנגעלע האָט אָנגעשטרענגט זײַנע שוואַכע פֿיסלעך און זיך באַמיט צו גיין גאַנץ נאָענט הינטערן גוי, אויגונאַס האָט זיך אָבער פּלוצים אומגעקערט, אויסגעשפּײַט און דערלאַנגט חיימען אַ שטויס:

"וואָס לויפֿסטו מיר נאָך און דרייסט זיך מיר אונטער די פֿיס, דו חוצפּהדיקער ייִדישער וואָרעם? טראָג זיך אָפּ פֿונדאַנעט צום טײַוול, אַז נישט וועל איך דיר ממיתן אויפֿן אָרט!"

חיים האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער איז געווען דערשוינט. ער האָט דאָך דעם דיקן, הויכן פֿאַרשוין אַפֿילו נישט אָנגערירט, אים לחלוטין קיין שלעכטס נישט געטאָן! ער איז אים נאָכגעגאַנגען, ווײַל ער איז געווען אַ לעבעדיקער מענטש, ווײַל ס׳איז געווען היימלעכער צו גיין דורכן בית-

עולם. אים האָט נישט געאַרט וואָס ער איז נישט געווען קיין ייִד. פֿאַרוואָס האָט עס געקומט חיימען אַזאַ שטאָרק? ער איז דאָך אַלעמאָל געווען גוט און פֿרום! משמעות אַז אויף דער וועלט איז שוין אַזוי איַינגעאָרדנט, אַז ווען מ׳איז גוט און פֿרום מוז מען לייַדן פֿון אומרעכט און רדיפֿות, אָבער ווען מ׳איז שלעכט און גאָטלאָז, לעבט מען אַ גוטן טאָג. דער בעסטער בייַשפּיל איז געווען לייבעלע: ער איז געזעסן אין דער וואַרעמער שטוב און געפּייַניקט די מוטער, הגם ער איז געווען אַ שלעכטער יונג.

ווען אויגונאַס איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן אין דער פֿינצטערניש, האָט חיים זיך געלאָזט לויפֿן פֿאָראויס. ער האָט פֿאַרביסן די ליפּן ביז בלוט און מורא געהאַט צו קוקן אָן אַ זייט.

צום גליק האָט דער הימל זיך אויסגעלייַטערט, די לבֿנה האָט ווידער געשייַנט און די שטערן האָבן געפֿינקלט. באַלד האָט חיים דערזען מיכלעס קליינע האַלב-צעפֿוילט הייַזל. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, כּדי זיך אָפּצורוען און זאַמלען נייַע כּוחות פֿאַר דער שווערער אופֿגאַבע, וואָס אים איז פֿאָרגעשטאַנען. חיים האָט געמוזט שווער קעמפֿן מיט זיך אַליין און צוזאַמענעמען זייַן גאַנצע ווילנס-קראַפֿט, ווייַל די מורא פֿאַר פֿרעמדע מענטשן האָט זיך בייַ אים נישט פֿאַרקלענערט, נאָר שטאַרק פֿאַגרעסערט. אַ תּהום איז געלעגט צווישן חיימען און די איבעריקע מענטשן.

חיים האָט זיך דערמאָנט, אַז ער איז אַנומלט געווען בייַ מיכלען. בייַ דער מוטער איז אַנצינדעט געווען די ברוסט, וועלכע איז שוין געוואָרן גאַנץ רויט און גורם געווען גרויסע שמערצן. מיכלע האָט באַוויזן וווּנדער. זי האָט פֿאַררעדט די ברוסט, וועלכע איז באַלד פֿאַרהייַלט געוואָרן. מיכלע איז געווען פֿרייַנטלעך צו רחל האָץ, אָבער חיימען איז זי נישט געפֿעלן געוואָרן. אַלץ איז ביי איר געווען אַזוי מאָדנע. מיכלע אַליין איז געווען מיאוס און מרה-שחורהדיק, אירע ווערטער, מיט וועלכע זי האָט פֿאַררעדט, זענען געווען אַזוי אומפֿאַרשטענדלעך. פֿונוואַנעט האָט מיכלע גענומען אַזעלכע ווערטער? ... די מוטער האָט דעמאָלט מיטגענומען איַינגעמאַכץ, ווייַל

מיכלע האָט פֿאַר איר הײַל-קונסט קײַן געלט נישט גענומען, כאָטש זי איז געווען אָרעם און קראַנק. די מוטער האָט דערציילט, אַז ווען מיכלע וואָלט גענומען געלט, וואָלט זי רײַך געוואָרן, ווײַל אין דער גאַנצער מדינה האָט קיינער נישט פֿאַרשטאַנען אַזוי גוט ווי זי צו הײַלן קראַנקע און אומשעדלעך צו מאַכן שלעכטע השפּעות. מיט יאָרן צוריק האָט מיכלע אַרומגעטראָגן איבער הײַזער פֿאַרקויפֿן באַוול, פֿאָדעם, נאָדלען, שנירלעך און גומי-באַנד. דאָס איז אָבער געווען דעמאָלט ווען חיים איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן.

חיים האָט דאָס אַלץ אויפֿגעפֿרישט אין זכּרון, כּדי צו פֿאַרטרײַבן זײַן מורא פֿאַר מיכלען און זיך אויסמאָלן איר אַ ביסל היימליכער. פּאַמעלעך און פֿאָרזיכטיק האָט חיים אַריבערגעקלעטערט דעם הויכן גאַניק. די הענט האָט ער געהאַלטן אינדערהייך, כּדי זיך נישט אָנצורירן אָן מיכלעס טיר. גאָט ווייסט, וואָס פֿאַר אַ טומאה ס'האָט געשטעקט אין מיכלען! שטיל איז ער דורך פֿירהויז אַרײַנגעגאַנגען אין שטיבל. אַן אַלטער אייל-לעמפּל האָט זיך געראויכערט אין אַ גלאָז און געוואָרפֿן אַן אומהיימלעכן שײַן אויף מיכלעס געלן ווי וואַקס פּנים. מיכלע איז געלעגן אין אַ הילצערנעם בעטל, באַדעקט מיט אַ גרויע, צעריסענע קאָלדרע. פֿון איר לאַנגן נאָז און ברייט, עטוואָס אָפֿענעם מויל האָט זיך געטראָגן אַ מאָדנער גערויש מיט אַ פֿײַפֿעריי. מיכלע איז געשלאָפֿן. חיים האָט נישט געוואַגט איר צו וועקן. ער איז אַ פֿאַרגאַפֿטער געשטאַנען און געהאָרכט. די שטילקייט אין שטיבל האָט אָנגעוואָרפֿן אַ מרה-שחורה און איז געווען אַזוי געהײַמניספֿול; די לופֿט איז עפּעס געווען אָנגעפֿילט מיט מאָדנע קלאַנגען. חיימען האָט זיך אָפּגעדוכט, אַז די זאַכן, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין שטיבל, האָבן געפֿירט אַ זעלבסטשטענדיקן, סודותפֿולן לעבן. אַ שאַרפֿער ריח האָט זיך געטראָגן פֿון זיי. אונטער די פּאָדלאָגע האָט עפּעס געקנאַקט, אין די ווענט האָט מען שטיל געפּויקט און אין אויוון האָט געסיקעט אַ גריל. חיימען האָט זיך געדוכט, אַז ערגעץ-ווו זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ סך זייגערס, כּדי צו מעסטן די דויערהאַפֿטיקייט פֿון אַלע חפֿצים.

אַ לאַנגע צײַט איז חיים געשטאַנען און געהאָרכט. ענדלעך האָט מיכלע אופֿגעמאַכט אירע אויגן – גרויסע, גליִענדיקע, באַפֿעלערישע אויגן, וועלכע האָבן לחלוטין נישט האַרמאָנירט מיט איר נעבעכדיקן אויסזען. אויך די אָרעמקייט און אומאָרדנונג אין שטיבל איז נישט געווען צוגעפּאַסט פֿאַר אַ פֿרוי מיט אַזעלכע אויסטערלישע אויגן. מיכלע האָט זיך נישט געוווּנדערט, ווען זי האָט דערזען חיימען. משמעות, אַז זי איז געווינט געווען צו זען בײַ זיך פֿרעמדע מענטשן. חיים האָט איר צוגעטראָגן דאָס הייבעלע.

"רחל האָץ... רחל האָץ האָט עס צוגעשיקט... צו פֿאַררעדן... ס'איז לייבעלעס הייבעלע", האָט חיים קוים אויסגערעדט. ער האָט פֿאַרגעסן אַפֿילו צו זאָגן "גוטן אָוונט!" מיכלע האָט מיט גרויס מי אופֿגעהייבן איר קיילעכדיקן, קרומען רוקן. מיט אירע ביינערדיקע, צעבויגענע פֿינגער האָט זי אַ כאַפּ געטאָן דאָס הייבעלע, פֿלעגט געמאַכט מיט דער האַנט אינדערלופֿטן אַ פּאָר שטריכן און שטיל געשעפּטשעט אַ רײַ ווערטער, וועלכע האָבן געזאָלט אומשעדלעך מאַכן לייבעלעס שלעכטער קראַפֿט.

חיים איז געלאָפֿן צוריק אַהיים ווי אויף הײַסע קוילן, מיט פֿאַרביסענע ציינער און האַלב-פֿאַרמאַכטע אויגן. ער האָט געהאַלטן דאָס הייבעלע מיט די שפּיצן פֿון זײַנע פֿינגערלעך. אים האָט זיך אָפּגעדוכט, אַז דאָס הייבעלע איז שווערער געוואָרן פֿון מיכלעס געהיימען שפּרוך. ער האָט שטיל דערלאַנגט דער מוטער דאָס הייבעלע ער, חיים, איז געווען געהאָרכזאַם, גוט און פֿרום, ער האָט איר בקשה דערפֿילט. לייבעלע איז אָבער שוין געלעגן אין וויגעלע, אַ ראָזער, אַ קיילעכריקער, אַ פֿרישער. ער איז געשלאָפֿן פֿעסט, געשמאַק, אַ פֿאַרמאַטערטער פֿון שווערן קאַמף און גרויסן נצחון איבער זײַנע עלטערן און שוועסטערס.

## IV

לייבעלע האָט געהערשט אין שטוב ביד חזקה – שרײַעריש און אומרחמנותדיק. חיים האָט מיט אַן ערנסטן אויסדרוק אויף זײַן פּנים שטיל

זיך געשפּילט אין זײַן ווינקעלע. פֿון שטאָף- און קאַרטאָן-רעשטלעך האָט ער געשאַפֿט פֿײַנע און קאָמפּליצירטע שפּילצײַג. ער האָט געצײַכנט, געשניטן, געפֿײַלט, און הנאה געהאַט פֿון די פֿאַרטיקע זאַכן. אָבער ער האָט אויך געמוזט זוכן אַ זיכערע באַהעלטעניש פֿאַר זײַנע קונסט-ווערק, כּדי זיי זאָלן נישט אַרײַנפֿאַלן אין לייבעלעס הענט. לייבעלע דער מזיק האָט געפֿילט אַן אינסטינקטיווע מורא פֿאַר חיים דעם שוויגער. דער פֿאָטער, די מוטער און די שוועסטערס האָבן בלית ברירה געמוזט טאַנצן אונטער לייבעלעס ניגון, דולדן אַלע זײַנע שמד-שטיק. אָבער מיט דעם בלאַסן און מאָגערן ברודער, וואָס איז לייבעלען אין תּוך פֿרעמד געווען, האָט דער מזיקל נישט געקענט פּראַווען זײַנע קונצן. לייבעלע פֿלעגט דעריבער מורא האָבן זיך אָנצוהייבן מיט חיימען. אָבער ווען ס׳איז אים געלונגען אין געהיים צו פֿאַרניכטן חיימס שפּילצײַג, האָט ער עס געטאָן מיט גרויס חשק. און געטאָן האָט ער עס גאַנץ אָפֿט, הגם חיים פֿלעגט גלײַך אויסגעפֿינען ווער דער שולדיקער איז. לייבעלען פֿלעגט נישט אָפּשרעקן דער פּסק, וואָס ער פֿלעגט כאַפּן פֿון חיימען בײַ אַ גוטער געלעגנהייט, ווען די עלטערן און שוועסטערס פֿלעגן עס נישט באַמערקן. אין אַזעלכע מאָמענטן האָט חיים געשלאָגן לייבעלען מיט דעם גאַנצן כּוח, וועלכן עס האָט פֿאַרמאָגט זײַן קליינער און שוואַכער קערפּערל. זײַן שטימע, וועלכע איז אויס שעמעוודיקייט געוויינלעך געווען אַ ביסל הייזעריק, האָט דעמאָלט געקלונגען קלאָר און הויך, און צו יעדן קלאַפּ אויסגערופֿן: "אָט האָסטו פֿאַר אַלע דײַנע מעשׂים רויבער, גזלן, ווילדע חיה!"

הגם לייבעלע איז געווען אומגעהויער שטאַרק פֿאַר זײַנע יאָרן, האָט ער דאָך זיך קיינמאָל נישט געשיצט קעגן חיימען און געדולדיק געליטן די קלעפּ. ער האָט נאָר געענטפֿערט מיט אַ שטילן געוויין, ווי ער וואָלט געווען באַזאָרגט, אַז קיינער זאָל זיך נישט דערוויסן פֿון זײַן מפּלה. ער האָט זיך אויף חיימען קיינמאָל נישט באַקלאָגט, נישט פֿאַר די עלטערן, נישט פֿאַר די איבעריקע קרובֿים. דער פּסק וואָס חיים האָט מקיים געווען לייבעלען, איז

געבליבן אַ סוד צווישן זייביידן אָבער לחלוטין אומפֿאַרשטענדלעך איז געווען לייבעלעס אויפֿפֿירונג נאָך די קלעפּ: ער האָט זיך געפֿילט שולדיק און געזוכט חיימס פֿריַינטשאַפֿט. ווען חיים פֿלעגט זיצן בײַ זײַן אַרבעט, פֿלעגט לייבעלע צוגיין צו אים און מיט חניפֿה ווערטער פּרווון פֿאַרפֿירן אַ זאַכלעכן שמועס: צי קען מען באַנוצן קנעפּ אַלס רעדלעך פֿאַר אַ קליין וועגעלע, אָדער צי קען מען בויען אַן אַעראָפּלאַן פֿון שוועבעלעך? דעמאָלט וואָלט לייבעלע מיט פֿאַרגעניגען אָפּגעשניטן די קנעפּלעך פֿון זײַן אייגענעם מאַנטל, אָדער פֿאַרברויכט אַלע שוועבעלעך פֿון קיך. חיים פֿלעגט אַפֿילו נישט ענטפֿערן לייבעלען, ווײַל זײַן אורטייל איבער אים איז שוין געווען אַן ענדגילטיקער: אין לייבעלעס שיינעם און געזונטן קערפּער איז געווען אַ שלעכטע און גאָטלאָזע נשמה. ווען חיים וואָלט זיך אַרײַנגעלאָזן מיט אים אין קלענסטן געשפּרעך, וואָלט ער אויך אַזוי ווי די איבעריקע משפּחה-מיטגלידער אַרונטערגעפֿאַלן אונטער לייבעלעס אומדערטרעגלעכער הערשאַפֿט.

לייבעלע האָט געהערשט ווי אַן אמתער דעספּאָט. ער איז געווען זייער אַן אומבאַקוועמער פֿאַרשוין אין שטוב, און די אַרומיקע האָבן געהאַט פֿון אים געברענטע צרות. אָבער פֿונדעסטוועגן האָט מען אים ליב געהאַט, ווײַל מ'האָט גענוי געוווּסט וואָס ער אין זײַן מהות איז געווען קלאָר. ווען פֿרעמדע מענטשן פֿלעגן אָנקוקן לייבעלען, פֿלעגן זיי זאָגן: "אַך, ווי שיין ער איז! קיין עין-הרע זאָל אים נישט שאַטן! אַ חיית צו קוקן אויף אים דער אויבערשטער זאָל געבן, זאָלט האָבן פֿון אים נחת!"

ברוך און רחל האָבן געקוקט אויף לייבעלען און געקליבן נחת. צי האָט מען ערגעץ-ווּו געזען אַזאַ שיין יינגעלע? אויגן, בלויע ווי אַ "פֿאַרגעס מיך ניט", מיט טונקעלע ברעמען. אַ קאָפּ מיט העלע זײַדענע האָר, און אַ כּוח – פֿון שמשין הגבור. ביים בעסטן ווילן האָט מען נישט געקענט זאָגן, אַז לייבעלע איז כאָטש אַ ביסל געהאָרכזאַם און דערצויגן, אָבער זײַן אומדערצויגענע אויפֿפֿירונג און, אַפֿילו, זײַנע שמד-שטיק זענען געווען

פֿאַר די עלטערן מער אָנגענעם ווי די קאַלטע און אומהיימלעכע מאָראַל פֿון זייער זון חיים. לייבעלע איז נאָך אַלע חסרונות געווען דאָך זייער קליין, נישט געהאַט קיין שׂכל, דעריבער האָט מען געקענט האָפֿן אַז ער וועט אויסוואַקסן אַ גוטער מענטש. חיים איז פֿאַר אַלעמען געווען אַ פֿאַרשלאָסענע וועלט, קיינער האָט נישט געוווסט זײַן מהות.

איינמאָל, שבת פֿאַר מיטיק, איז רחל מיט ביידע ייִנגעלעך געגאַנגען צו גאַסט ביי קרובֿים: לייבעלען האָט זי געטראָגן אויף די הענט און חיים איז געגאַנגען נעבן איר. ברוך האָץ איז נאָך געווען אין בית-המדרש און האָט געזאָלט שפּעטער זיך טרעפֿן מיט רחלען בײַ זײַן ברודער. שבת נאָכן דאַוונען פֿלעגט ברוך האָץ גערן באַזוכן זײַנע ברידער, מאַכן ברכה און פֿאַרבײַסן מיט געהאַקטע הערינג אָדער לעבער. דער וועטער איז געווען וווּנדערשיין. אַ סך מענטשן האָבן געשפּאַצירט אויף די גאַסן, צווישן זיי אויך קריסטן, וואָס האָבן צוליב דעם ייִדישן שבת נישט געאַרבעט. אינמיטן פֿון אַ זייער שמאָלער געסעלע, וואָס רחל מיט די קינדער האָבן געמוזט דורכגיין, זענען געשטאַנען צוויי קליינע קריסטלעכע מיידעלעך און געמיטלעך געשמועסט. כּדי פֿרײַ צו מאַכן דעם וועג, האָבן די מיידעלעך זיך אָפּגערוקט איינע פֿון דער אַנדערער. חיים האָט זיך אָפּגעשטעלט און נישט געוואָלט דורכגיין צווישן זיי. די מוטער איז אַליין דורכגעגאַנגען און געהייסן חיימען איר נאָכגיין, אָבער ער האָט זיך נישט גערירט פֿון אָרט. די מוטער האָט זיך געבײַזערט, אָבער ס'האָט נישט געהאָלפֿן. די מיידעלעך האָבן מיט גרויס געלעכטער אָנגעקוקט חיימען. זיי זענען געווען זייער פֿאַרוווּנדערט. פֿאַרבײַגייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט און נײַגעריק געפֿרעגט וואָס דאָ איז פֿאָרגעקומען. חיים איז געשטאַנען ווי אַ צוגעשמידטער מיט אַ בלאַסן, באַוועגלאָזן פּנים. די מוטער האָט זיך אומגעקערט, צוגעגאַנגען צו חיימען, אים אַ שלעפּ געטאָן פֿאַר דער האַנט, אָבער ער – נישט פֿון אָרט! פֿאַרבײַגייער – ייִדן און קריסטן – האָבן געשאָקלט מיטן קאָפּ און געשריִען.

"אַ משוגענער יונג! ... אַ משונהדיקער טיפּ! ... גאָט זאָל היטן פֿון אַזעלכע קינדער! ... וואָס שטייסטו ווי אַ גולם? גיי דאָך, די מוטער רופֿט! ..."

חיים איז געשטאַנען ווי אַ פֿאַרגליווערטער. די מוטער האָט אים געלאָזט שטיין און זיך געלאָזט גיין אַליין מיט לייבעלען אויף דער האַנט. די דערוואַקסענע מענטשן האָבן זיך מער נישט אינטערעסירט מיטן מאָדנעם ייִנגעלע, אָבער די מיידעלעך האָבן זיך איבער אים לוסטיק געמאַכט. זיי האָבן זיך מיט אים גערײַצט, אים אייניקע מאָל אָנגערירט, כּדי זיך צו איבערצײַגן וואָס פֿאַר בריאה דאָס איז. חיים איז געשטאַנען באַוועגלאָז. די מיידעלעך האָבן אים פֿון ביידע זײַטן גענומען מכבד זײַן מיט לייכטע שטויסן, אָבער ער האָט זיך נישט באַשיצט, געשוויגן און אַפֿילו זיי נישט אָנגעקוקט. זענדיק אַז חיים איז נישט אינטערעסאַנט, האָבן די מיידעלעך אים אָפּגעלאָזט און אַרײַנגעגאַנגען אין אַ הויז. חיים האָט דעמאָלט האַסטיק זיך געלאָזט לויפֿן און אָנגעיאָגט די מוטער.

חיים איז געווען אַ רעטעניש פֿאַר זײַנע עלטערן. זיי האָבן זיך קיינמאָל נישט געקענט פֿאָרשטעלן, אַז הינטער זײַן אײַזערנער עקשנות שטעקט אַ נטיה צו רעליגיעזער פֿרומקייט. שבת און יום־טובֿ פֿלעגן שכנים און סתּם פֿרומע ייִדן בײַ ברוך דעם היטלמאַכער און געמיטלעך שמועסן. דערבײַ האָט יעדערער געוואָלט אַרויסווײַזן זײַן בקיאות אין לערנען. מ׳פֿלעגט זיך דערציילן אגדות פֿון מדרש און גמרא. איין אגדה האָט דערציילט וועגן אַ חסיד, וואָס איז קיינמאָל נישט דורכגעגאַנגען צווישן ווײַבער. דערפֿאַר איז ער זוכה געווען צו אריכות־ימים און אַ רויִקן לעבן. זיצנדיק אין זײַן ווינקעלע, ווו ער האָט זיך שעהנווײַז געשפּילט און געשאַפֿן מיט זײַנע דינינקע פֿינגערלעך פֿײַנע שפּילצײַג, אָדער ליגנדיק אין זײַן בעטל מיט האַלב־פֿאַרמאַכטע אויגן — האָט חיים זיך אויפֿמערקזאַם צוגעהערט צו די שמועסן פֿון די דערוואַקסענע. ער האָט געשלונגען זייערע ווערטער כּדי צו באַגרייפֿן די וווּנדערפֿולע מלוכה וואָס געפֿינט זיך הינטער דער רעאַלער

וועלט, כּדי צו דערוויַיזן גאָט זיַין פֿרומקייט און באַשערנקייט. חיימען האָט נישט געאַרט וואָס די אַרומיקע האָבן אים נישט פֿאַרשטאַנען, האָבן פֿאַלש אויסגעטיַיטשט זיַין הנהגה און אים געהאַלטן פֿאַר אַ טיפּש, אָדער גאָר פֿאַר אַ פֿאַרביסענעם עקשן. פֿאַר חיימען איז וויכטיק געווען אַז אים זאָל פֿאַרשטיין גאָט, וואָס ווייסט אַלץ, וועמען חיים האָט געפֿילט אין די הייליקע ווערטער, אין די הייליקע ספֿרים.

און וואָס מער לייבעלע איז געוואָרן אומדערצויגן און שריַיעריש, אַלץ מער איידל און שטיל איז געוואָרן חיים. לייבעלע איז געווען אַ בעל-תּאווהניק, געפּיַיניקט די מוטער מיט זיַינע באַגערן און קאַפּריזן. ער איז ממש קיינמאָל נישט זאַט געווען. חיים איז אַלס קעגנזאַץ געווען אַבסאָלוט פֿריַי פֿון קאַפּריזן און באַגערן. וואָס מער גאָטלאָזער און זינדיקער לייבעלע איז געוואָרן. אַלץ מער פֿרומער און הייליקער איז געוואָרן חיים.

## V

דער קליינער הילצערנער הויז, אין וועלכן ר׳ מענדל האָט שוין אַכטאונפֿערציק יאָר געהאַלטן זיַין חדר, איז געשטאַנען נידעריקער פֿון דער גאַס, דערפֿאַר האָט זיך געשאַפֿן דער איַינדרוק אַז ס׳האָט אייַינגעזונקען אין פֿאַרלויף פֿון יאָרן. דער ברייער דאַך איז וויַיט אַראָפּגעהאָנגען איבער די ווענט און איז געווען באַדעקט מיט גרויע מאָך. הינטערן הויז האָט זיך געצויגן אַ נישט געברוקירטער הויף מיט אַ סך קאַשטאַנען-ביימער. אַ לאַנגע שורה פֿון הילצערנע בנינים, וואָס זענען געווען געבויט פֿון שטאַרקע און רונדע באַלקנס, האָט געבילדעט דעם איינזייטיקן פֿליגל פֿון הויף. אַמאָל איז דאָרטן מסתּמא געווען אַ קאַטוילישער קלויסטער אָדער אַ פֿילאַנטראָפּישער מוסד. טיילוויַיז זענען די בנינים געשטאַנען ליידיק. אייניקע פֿון זיי זענען באַנוצט געוואָרן אַלס קלייטן פֿאַר רוי-פֿעל. זעלטן ווען ס׳זענען אַהער געקומען פֿורן כּדי אויס- אָדער אָנצולאָדן סחורה, וויַיל

דער האַנדל אין שטעטל איז בכלל געווען זייער שוואַך אַנטוויקלט. דער הינטערשטער טייל פֿון הויז איז געווען ליידיק און באַוואַקסן מיט גראָס. אַ האַלב-איַינגעפֿאַלענער צוים האָט אָפּגעגרענעצט דעם הויף פֿון די אַרומיקע פֿעלדער און לאָנקעס.

אין ר׳ מענדלס חדר האָט מען געלערנט אָן הפֿסקה פֿון אינדערפֿרי ביז שפּעט אין אָוונט. ביַי לאַנגע טישן זענען אויף שמאָלע בענק אָן פּאַרענטשעס געזעסן אַ סך ייִנגלעך און געלערנט חומש, נביאים און משניות, די ייִנגלעך זענען געווען צעטיילט אין גרופּעס, זייערע קערפּערס האָבן זיך געשאָקלט און דער גרויסער חדר איז געווען אָנגעפֿילט מיט זינגענדיקע, ברומענדיקע און שטייענדיקע קולות. ר׳ מענדל אַליין איז געווען אַ קליינער, מאָגערער ייִדל מיט לעבהאַפֿטע קליינע מויז-אייגלעך, מיט אַ בלויען שפּיץ אויפֿן נאָז און מיט אַ געלן ציגענעס בערדל, וועלכער פֿלעגט זיך נעמען טרייַסטלען ביַי דער קלענסטער אופֿרעקונג פֿון ר׳ מענדלן. וואָס שטאַרקער ס׳האָבן געקלונגען די קולות פֿון די ייִנגלעך, וואָס מערער די קינדער האָבן זיך געשאָקלט, אַלץ בעסער האָט זיך געפֿילט ר׳ מענדל. צוזאַמען מיט זייַן דיקער פֿרוי חיה-שׂרה האָט ר׳ מענדל געוווינט אין צוויי ענגע צימערלעך, וואָס זענען געלעגן הינטערן חדר. אַזוי ווי ס׳פּאַסט פֿאַר אַ פֿרומען ייִדן – האָט זייַן פֿרוי אים געבוירן אַ סך קינדער, וועלכע זענען שוין געוואָרן גרויס, זיך פֿרי געמאַכט זעלבסטשטענדיק און אַריבערגעפֿאָרן אין גרעסערע שטעט. אַזוי זענען ר׳ מענדל און זייַן פֿרוי געבליבן אַליין, און חיה-שׂרה האָט געקענט איר גאַנצע מוטער-ענערגיע אָנווענדן אף איר מאַן, וועלכער האָט צו איר גרויסן פֿאַרדרוס, נישט צוגענומען אין געוויכט און געבליבן עקשנותדיק מאָגער. משמעות אַז ר׳ מענדלס מאָגערקייט איז געווען אַ רעזולטאַט פֿון זייַן אויסערגעוויינלעכער לעבהאַפֿטיקייט, וועלכע איז מיט דער צייַט - אַנשטאָט זיך צו פֿאַרקלענערן – נאָך מערער געשטיגן. בולטער ווי אומעטום איז ר׳ מענדלס לעבהאַפֿטיקייט געקומען צום אויסדרוק אין זייַן לערן-מעטאָדע: ביי ר׳ מענדלען האָט מען געמוזט לערנען

מיט האַרץ און נשמה. קיין שום טענות און מענות האָבן דאָ נישט געהאָלפֿן. ער האָט נישט געקענט דולדן קיין פֿוילקייט און ליצנות. מיט איין שפּרונג איז ער געווען דאָ לעבן איין ייִנגל, דאָרטן לעבן אַן אַנדערן און אַכטונג געגעבן אַז מ׳זאָל לערנען ווי ס׳דאַרף צו זײַן. אַ דאַנק זײַן שאַרפֿן זכּרון האָט ער קלאָר געוווּסט ווו איינער האָט זיך אויסגעצייכנט און ווו דער אַנדערער האָט שלעכט פֿאַרטײַטשט. ער האָט פּלוצים געשטעלט פֿראַגן, און זײַן הייזעריקער קול האָט מיט איין געשרײַ אײַנגעשטילט דעם גאַנצן חדר, כּדי אַלע ייִנגלעך זאָלן קענען הערן ווי ער לויבט אַ גוטן תּלמיד און טאַדלט אַ יונג מיט אַ פּראָסטן קאָפּ. אויספֿרעגנדיק איינעם, האָט ער פּלוצים שנעל ווי אַ בליץ זיך געווענדט צו אַ צווייטן און געפֿאָדערט איבערחזרן דאָס געזאָגטע, אָדער נאָר פֿאַרטײַטשן מיט אַ פּירוש. אויף אַזאַ אופֿן האָט ר׳ מענדל שטענדיק געהאַלטן דעם חדר אין שפּאַנונג.

פּיזישע שטראָף איז געווען אַ וויכטיקער באַשטאַנד-טייל פֿון ר׳ מענדלס לערן-מעטאָדע. הגם די דאָזיקע שטראָף איז זינט טויזנטער יאָרן אַ באַליבטער דערציִונג-מיטל ביי אַלע פֿעלקער, האָט איר ר׳ מענדל אָבער באַנוצט אויף אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן אופֿן. בײַ אים איז די שטראָף געווען סיסטעמאַטיזירט: לײַכטע פֿאָרמע איז געווען פֿאַרן אויער, מיטעלע – דאָס פּאַטשן אין באַק, שווערע – קלעפּ אויף די פֿינגער, און די שווערסטע – שמיץ מיט אַ קאַנטשיק. די צאָל און שטאַרקייט פֿון די שמיץ איז געווען אָפּהענגיק פֿון דעם, וואָס פֿאַר אַ זינד דער חדר-ייִנגל איז באַגאַנגען.

צוליב זײַן שוואַכן געזונט איז חיים אָנגעקומען אין ר׳ מענדלס חדר ערשטע צו זעקס יאָר – אַ ביסל צו שפּעט פֿאַר אַ ייִנגל פֿון פֿרומע ייִדישע עלטערן. אין זײַן גרופּע זענען געזעסן פֿיר- און פֿינפֿיאָריקע קינדערלעך מיט אַלטע און קלוגע געזיכטער. חיים האָט זיך אויסערלעך פֿון זיי מיט גאָרנישט אויסגעצייכנט. אָבער צי האָט ווער פֿון זיי געקענט זיך מיט אים פֿאַרמעסטן אין לערנען? חיים האָט שפּילנדיק אויסגעלערנט אויף אויסווענדיק אַלע פּסוקים, וועלכע די איבעריקע קינדער האָבן תּופֿס געווען

נאָר מיט גרויס מי און מאַטערניש. צי האָבן די אַלע ברכות, תּפֿילות און אמירות שוין פֿון לאַנג אַליין נישט געזונגען אין חיימס נשמה? צי האָט ער זיי געדאַרפֿט לערנען? ער האָט דאָך שוין לאַנג געפֿילט דעם וווּנדערבאַר-געטלעכן באַשעפֿער, וואָס דורכדרינגט אַלע הייליקע זאַכן, פֿון וועלכן די איבעריקע קינדער האָבן נאָך נישט געהאַט קיין השׂגה. אויך אין חדר איז חיים שטיל געזעסן אין אַ ווינקעלע, אַ באַשײַדענער, מיט אַן ערנסטן פּנימל. ער האָט זיך נישט געחבֿרט מיט די איבעריקע ייִנגלעך, נאָר אויפֿמערקזאַם זיך צוגעהערט צום רבינס רײַד. אַזאַ תּלמיד האָט ר׳ מענדל נאָך נישט געהאַט.

אין חדר זענען געזעסן אויך גרויסע ייִנגלעך מיט אַ שוואַכן זכּרון, וועלכע האָבן זייער שווער באַגריפֿן ר׳ מענדלס רײַד. אָקאָרשט האָט דער רבי דערקלערט אַ שווערן פּסוק פֿון חומש און מיט אַ פֿלינקן שפּרונג איז ער שוין געשטאַנען לעבן הירשקען, דעם דיקן, רויטן און פֿאַרצויגענעם זון פֿון שטעטלשן בעקער. הירשקע האָט אין אַ חודש אַרום געדאַרפֿט ווערן בר-מצוה, אָבער ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפֿערן דעם רבין, ווײַל ער פֿלעגט זיך נישט צוהערן צו זײַנע רײַד און נאָר טראַכטן וועגן אָנגענעמע זאַכן. הירשקע איז געזעסן אַ דערשראָקענער, מחמת ר׳ מענדל האָט נישט ליב געהאַט צו שפּאַסן. אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט אין אָקאָרשט טומלדיקן בינשטאָק.

"ווער קען מיר דערקלערן דעם פּסוק?" האָט אויסגעשריען ר׳ מענדל. זײַנע מויז-אייגלעך האָבן דורכגענישטערט אַלע חדר-ייִנגלעך. זײַן ציגענע בערדל האָט זיך געטרייסלט פֿון אויפֿרעקונג.

די גרויסע חדר-ייִנגלעך זענען געזעסן פֿאַרחושכטע, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. איצט וועט מען דעם רבין אַזוי לײַכט נישט פֿאַררעדן די ציינער. איצט וועט ער נעמען אויפֿן צימבל און אָפּציילן די ריכטיקע מלקות. מיטאַמאָל ווערט די שטילקייט דורכגעריסן פֿון אַ דינער שטימעלע. חיים הייבט אוף זײַן הענטל. ר׳ מענדל איז פֿאַרווונדערט, דערשטוינט,

כמעט דערשראָקן. היתּכן? אַזאַ ברעקל קינד? ער רופֿט צו חיימען און שטעלט אים אַוועק לעבן דעם דיקן הירשקען. חיים ווידערהוילט אויף אויסנווייניק דעם שווערן פּסוק אָן גרײַזן. אויך דעם פּירוש דערקלערט ער גאַנץ שנעל. ר׳ מענדלס געל-בלאָנדער בערדל טאַנצט פֿון התפּעלות. זינט ער איז אַ מלמד האָט ער נאָך נישט געזען אַזאַ קינד. אָט דער בלאַסער ייִנגעלע מיטן נעבעכדיקן אויסזען איז עפּעס נישט קיין פּשוטער בשׂר ודם. מ׳דאַרף זיך מיט אים פֿאַראינטערעסירן, ר׳ מענדלס חדר קען צוליב אים מפֿורסם ווערן.

"דו האָסט גוט דערקלערט, חיים, דו ביסט אַ ווילער יונג! מ׳דאַרף דיך באַלוינען. גיב אַ פּאַטש הירשקען אין באַק, אָבער אַזוי, אַז ער זאָל האָבן צו געדענקען!"

חיים שטייט באַוועגלאָז. ווי קען ער טאָן אַזאַ עבֿירה? ר׳ מענדלס מויז-אייגלעך הייבן אָן צו גליען פֿון צאָרן.

"האָב נישט קיין מורא, בחורל. ווען איך הייס, קענסטו עס רויִק טאָן. גיב הירשקען אַ פּאַטש אין באַק!"

חיים פֿאָלגט נישט דעם רבין. נישט פֿאָלגן איז אויך אַן עבֿירה, אָבער זי איז דאָך אַ קלענערע.

חיים, דו הערסט וואָס איך זאָג דיר אָבער נישט?!"

אין חדר הערשט אַ טויטע שטילקייט. נאָר דאָס האַסטיקע און שאַרפֿע אָטעמען פֿון רבין זעגט דורך די לופֿט. חיים שטייט רויק, ווי נישט אים וואָלט דער רבי געמיינט. זײַן פּנימל איז שמאָל, בלאַס, אומבאַוועגלעך. די אויגן זײַנע זעען אויס נאָך גרעסער ווי אַלע מאָל און עס שטראָמט פֿון זיי אַ טיפֿער צער, אָבער זיי קוקן נישט אויף ר׳ מענדלען, נאָר עפּעס ערגעץ-ווו ווײַט.

"אַך, אַזוי? אַזאַ תּכשיט ביסטו? ווילסט נישט פֿאָלגן דעם רבין? ווילסט נישט דערלאַנגען הירשקען אַ פּאַטש אין באַק? ... נו, איך וועל דיר שוין ווײַזן וואָס ר׳ מענדל קען! אָט וועסטו אַליין באַקומען די אמתע שמיץ,

כּדי דו זאָלסט איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל וויסן וואָס ס׳הייסט נישט פֿאָלגן ר׳ מענדלען!"

פֿאַמעלעך און מיט גרויס חשיבות גייט ר׳ מענדל צום אַלמער, ווו ס׳ליגן די ספֿרים. איצט שפּרינגט ער שוין נישט פֿון איין פֿוס אויף אַנדערן. פֿון אונטערשטן שופֿלאָד נעמט ער אַרויס אַ קאַנטשיק מיט אַ סך קורצע רימענדלעך. פֿײַערלעך, ווי ער וואָלט דאַרפֿן אויספֿירן אַ וויכטיקע צערעמאָניע, האַלט ר׳ מענדל דעם קאַנטשיק אין האַנט. פּאַמעלעך גייט ער צו חיימען, כאַפּט אים פֿאַרן קאָלנער, שלעפּט אים מיט זײַנע שטאַרקע פֿינגער צום הילצערנעם בענקל, וואָס שטייט אינמיטן חדר, לייגט אים אַנידער לײַכט ווי אַ פֿעדער אויפֿן בענקל און איינס-צוויי, איינס-צוויי! ... די רימענדלעך פֿון קאַנטשיק לייגן זיך אונטער ר׳ מענדלס דערפֿאַרענער האַנט אין אַ קלאָרן ריטם וואָס ווערט פֿײַערלעך אַקאָמפּאַנירט אין טאַקט מיט ר׳ מענדעלס טעקסט:

"נישט פֿאָלגן אַ רבין? נישט פֿאָלגן אַ רבין? איך וועל דיר ווײַזן! איך וועל דיר ווײַזן!"

אַזוי לאַנג ווי ר׳ מענדל לעבט און איז אַ מלמד מוז מען אים פֿאָלגן, קיין חכמות העלפֿן דאָ נישט.

חיים פּרובירט פֿאַרקלענערן דעם ווייטיק מיט הויכע געשרײַען. און לאַנג האָט ער נישט געשריען. די חדר-ייִנגעלעך קוקן זיך אַפֿילו נישט אום; פֿאַר זיי איז עס נישט קיין נײַעס. אַן אַלטע, לאַנגווײַליקע געשיכטע! די ערד דרייט זיך, די זון גייט אויף און פֿאַרגייט – אַזוי פֿירט זיך די וועלט! ווער עס פֿאָלגט נישט דעם רבין, אָדער לערנט נישט ווי געהעריק – באַקומט פֿון ר׳ מענדלען שמיץ! ווער ווייסט דאָס נישט? וועט מען להבא נישט פֿאָלגן דעם רבין, אָדער זיך שלעכט לערנען – וועט מען ווידער באַקומען שמיץ.

אינדערהיים איז חיים ווי אַלעמאָל געווען שטיל, זיך פֿאַר קיינעם נישט באַקלאָגט. ער האָט נאָר אויסגעזען בלאַסער ווי פֿריער. צוליב וואָס האָט ער זיך אײַגנטלעך געזאָלט באַקלאָגן? צי דערפֿאַר ווײַל ער איז געווען

נאָך אַ קלענער און געוווּסט מער פֿון אַלע חדר-ייִנגעלעך? אָדער אפֿשר ווײַל ער איז געווען פֿרום און געפֿאָלגט די עלטערן און דעם רבין, ווען זייערע פֿאָדערונגען זענען נאָר געווען יושרדיק אין גאָטס אויגן? ער, חיים, איז דאָך נישט שולדיק געווען וואָס ער האָט בעסער געהאָרכט דעם רבינס רייד, איידער דער דיקער און גוטמוטיקער הירשקע. און ווען הירשקע האָט נישט געוווּסט דעם פּסוק – איז דען געווען אַ יושר אים צו פּאַטשן אין באַק?

ר׳ מענדל, אַ גרויסער בעל-גאווה און כּבֿוד-זוכער, האָט שטענדיק געהאַלטן אויפֿן אויג דעם קליינעם און זייער באַגאַבטן חיימען און געזוכט מיטלען ווי אים אַרופּצוצווינגען זײַן אַווטאָריטעט. איינמאָל אין דערפֿרי האָט ר׳ מענדל געלערנט מיט די גרעסערע ייִנגעלעך זײַן ליבלינגס-נבֿיא ישעיה. שוין לאַנג איז ר׳ מענדל נישט געווען אַזוי אויפֿגעלייגט צום לערנען, ווי דעמאָלט. ער האָט געלערנט און דערקלערט מיט גרויס התמדה, מיט אַן אמתער לײַדנשאַפֿט. די ייִנגעלעך האָבן אופֿמערקזאַם זיך צוגעהערט. אַפֿילו די פּראָסטע יונגען מיט די טעמפּע מוחות זענען מיטגעריסן געוואָרן פֿון רבינס טעמפּעראַמענט און זיך באַמיט צו פֿאַרשטיין כאָטש אַ ביסל פֿון זײַנע ווערטער. ווען ר׳ מענדל האָט געענדיקט לערנען, האָט ער זיך אַרומגעקוקט און אויסגערופֿן דעם גרעסטן עם-הארץ צווישן אַלע תּלמידים – דעם הויכן, דיקן און געלן נח׳ן, וועמעס פּנים איז געווען באַדעקט מיט זומער-שפּרענקלעך. פֿאַרוואָס עפּעס נח׳ן? און דווקא דעמאָלט, ווען ר׳ מענדלס גייסט האָט אַזוי שיין אַרויסגעלעבט? איז אַ קשיא! מסתּמא האָט ר׳ מענדל געוווּסט וואָס ער טוט. זײַנע אייגלעך האָבן בעת מעשׂה געפֿינקלט, זײַן בערדל האָט זיך געטרײַסלט. זײַן האַסטיקער און שאַרפֿער אָטעם האָט געזויגן די שווערע לופֿט.

נח האָט זיך נעבעך געמאַטערט מיטן פּסוק פֿון ישעיהו און געשוויצט ווי אַ פֿערד. ר׳ מענדל האָט אַ בליץ געטאָן מיט זײַנע אייגלעך אויפֿן ווינקעלע, וווּ ס׳איז געזעסן דער שטילער און בלאַסער חיים. ער האָט אים

צוגערופֿן און געהייסט נח׳ן שווײַגן. חיים איז געהאָרכזאַם צוגעגאַנגען צום רבין. אין פֿאַרגלײַך מיט נח׳ן וועמען די חדר-ייִנגעלעך האָבן געגעבן אַ צונאָמען עוג-מלך-הבשן, האָט חיים אויסגעזען מוראדיק קליין און דאַר. דער גאַנצער כּח פֿון זײַן גײַסט איז געווען קאָנצענטרירט אין זײַנע גרויסע, טונקעלע אויגן.

"קענסטו בעסער פֿאַר נחן?" האָט געפֿרעגט ר׳ מענדל.

"יאָ, איך קען," האָט חיים געענטפֿערט.

זײַן קינדערשער פּנימל האָט אויסגעדריקט אַ טיפֿן ערנסט. זײַנע אויגן האָבן נישט געקענט באַהאַלטן דעם אינערלעכן צער. שנעל און אָן איין גרײַז האָט ער איבערגעזאָגט דעם גאַנצן קאַפּיטל ישעיה מיט ר׳ מענדלס פּירוש. ר׳ מענדלס התפּעלות איז געווען אָן אַ ברעג. זײַנע אייגלעך האָבן ממש געגליט, דאָס בערדל האָט געטאַנצט. פֿון התלהבות האָט ער גענומען שפּרינגען פֿון איין פֿוס אַנדערן. אַן אוצר האָט דער אייבערשטער צוגעשיקט פֿאַר זײַן חדר! ווער האָט געקענט זיך פֿאָרשטעלן, אַז ברוך דעם היטלמאַכערס בלאַסער ייִנגעלע וואַקסט אַ גרויסער גאון פֿון פֿאָלק ישראל? יאָ, דאָס ליכט פֿון דער תּורה וועט קיינמאָל נישט אויסגעלאָשן ווערן! דאָס הארץ פֿון ישראל קלאַפּט אייביק! אַפֿילו ער, ר׳ מענדל אַליין, האָט אין חיימס יאָרן נישט פֿאַרשטאַנען קיין דריט-חלק... קיין העלפֿט נישט. זײַן חדר קען צוליבן ייִנגעלע באַרימט ווערן בכל תּפֿוצות ישראל, אלא מה – זײַן עקשנות? פּטור, בײַ ר׳ מענדלען וועט חיים האָץ אַ זיידענער. מיט גרעסערע עקשנים איז ר׳ מענדל שוין פֿאַרטיק געוואָרן.

"דו קענסט אויסגעצייכנט, חיים!" האָט ר׳ מענדל אויסגערופֿן מיט אַ זיסער שטימע. דאָס פֿלעגט פּאַסירן זייער זעלטן. "אַלס אַ באַלוינונג פֿאַר דײַן טרחה וועסטו געבן נחן אַ פּאַטש אין באַק, אָבער אַ ריכטיקן, אַ כּפֿול-שמונה׳דיקן! דערלאַנג אים אַזוי, אַז ער זאָל וויסן אויף להבא ווי מ׳דאַרף לערנען ישעיה!"

ר׳ מענדל האָט מיט שרעק אין האַרצן געוואָרט. וועט חיים דאָס מאָל פּאָלגן?

דער הויכער און דיקער נח האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן טיש און צוגערוקט זײַן ביינערדיקן פּנים צו חיימען:

"דערלאַנג מיר אַ פּאַטש, חימל, האָב נישט קיין מורא, ס'וועט מיר נישט שמערצן!" נח האָט אונטערגעשמייכלט.

געוויינלעך וואָלט ר׳ מענדל נישט דערלויבט אַזאַ רעספּעקטלאָזע באַציִונג צו זײַן דערציונג-סיסטעם, אָבער דאָסמאָל איז ער געצוווּנגען געווען מוחל צו זײַן נחן און צו סימולירן גלײַכגילטיקייט. ער האָט זיך כמעט געבעטן בײַ חיימען: "נו, פּאַטש דאָך!... שעם זיך נישט!" חיים איז אָבער געשטאַנען און נישט געפּאָלגט. זײַנע גרויסע אויגן האָבן געקוקט עפּעס אַנדערשוווּ ערגעץ ווײַט, פֿאַרבײַ ר׳ מענדלען, פֿאַרבײַ נחן, פֿאַרבײַ דעם גאַנצן חדר. זײַן פּנים איז געווען ווי פֿאַרגליווערט. ר׳ מענדל איז געוואָרן אויסער זיך. אין דער אמתן וואָלט ער מיט גרויס הנאה געשלאָסן פֿרידן מיט דעם קליינעם און בלאָסן ייִנגעלע, וועלכן דער אייבערשטער האָט אַזוי בולט מזכּה געווען מיט גאונות. אָבער צי האָט ער – אַן אַלטער חשובֿער מלמד, אַ ייִד אַ למדן – געקענט נאָכגעבן אַזאַ קליינעם ייִנגעלע? וואָס וואָלט דעמאָלט געוואָרן פֿון זײַנע חדר-ייִנגלעך? ס'וואָלט דאָך חלילה דערגאַנגען צו אַזאַ מצבֿ, אַז מיט אים וואָלט אויך געקענט פּאַסירן די מעשה מיטן ריבענישקער מלמד, ווען די חדר-ייִנגלעך האָבן צוגעקלעפּט די באָרד צום טיש בשעת ער האָט אויף אַ מינוט געכאַפּט אַ דרעמל. אָדער, די רגע זאָל נישט געדאַכט ווערן, ס'וואָלט דאָך אויך געקענט געשען די מעשׂה מיטן מלמד פֿון סאַלדוס, וועלכער האָט נעבעך פֿאַרבראַכט אַ גאַנצע שעה אין בית-הכּסא, ווײַל די חדר-ייִנגלעך האָבן אַזוי קונציק איבערגעדרייט דעם פֿאַררוקער פֿון טיר, אַז ער האָט זיך לײַכט פֿאַרשלאָסן און צוריק נישט געוואָלט זיך אויפֿמאַכן. ר׳ מענדל איז געווען אַ דערפֿאַרענער מלמד און

האָט גוט געוווּסט וואָס ס'קען אַרויסקומען, ווען מען שוואַכט אַ ביסל אָפּ די דיסציפּלין.

ניין, ר' מענדל האָט נישט געקענט נאָכגעבן! און ס'האָט זיך ווידערהוילט די סצענע מיטן קאַנטשיק.

די חדר-ייִנגלעך האָבן אַפילו נישט געקוקט אויפֿן אָרט, ווו ר' מענדל האָט אויסגעפֿירט די עקזעקוציע. וואָס פֿאַר אַ שייכות האָט צו זיי געהאַט די גאַנצע מעשׂה? זיי אַליין זענען געווען זאַט מיט שמיץ. פֿאַרוואָס האָט חיים נישט געגעבן זײַן פּאַטש? פֿאַרוואָס האָט ער מורא געהאַט? און אויב ער האָט בכלל נישט געוואָלט פּאַטשן, איז פֿאַרוואָס האָט ער זיך צום ערשטן מאָל אַליין אַרויסגערופֿן און געוויזן אַז ער קען בעסער פֿון אַלעמען תּנ"ך? אַ טיפּש פֿון אַ ייִנגעלע. אָט האָט ער טאַקע געכאַפּט די אמתע מלקות.

וואָס מער ר' מענדל האָט געפֿילט די אומגעוויינלעכע עקשנות פֿון קליינעם חיים, אַלץ מער איז ער געוואָרן געררײַצט, אַלץ ווייניקער נאָכגיביקער. כּמעט אַלע דרײַ טעג האָט זיך ווידערהוילט די סצענע מיטן קאַנטשיק. חיים איז געוואָרן נאָך בלאַסער און מאָגערער.

"וואָס איז מיט דיר, חיים?" האָט געטענהט די מוטער. "ביסטו קראַנק? דו זעסט אויס גאַנץ שרעקלעך! כ'האָב שוין לאַנג געזאָגט אַז דײַן שׂכל פֿרעסט דיך אויף."

חיים האָט געשוויגן. אין שטוב האָט קיינער נישט געטאָרט וויסן פֿון זײַן טראַגעדיע. די מוטער פֿלעגט קוקן אויפֿן ווילדן און שיינעם לייבעלע און שעפּטשענען: "קיין בײַז אויג זאָל אים נישט שאַטן!"

די מוטער האָט נישט געהאַט צײַט אַרײַנצולאָזן זיך אין חקירות וועגן חיימס שלעכטן אויסזען. זי האָט אים נישט געקענט שענקען קיין גרויס אופֿמערקזאַמקייט, ווײַל זי האָט שווער געאַרבעט אין שטוב. געקאָכט, געוואַשן, גערײַניקט, גענייט. איין לייבעלע האָט איר פֿאַרשאַפֿט מער האָרעוואַניע ווי די גאַנצע משפּחה: זײַן אַפּעטיט איז געוואַקסן פֿון טאָג, זײַנע האַלדז ברעכערישע מעשׂים זענען געוואָרן נאָך מער סכּנותדיקער.

# VI

דער פּי-הענדלער אויגונאַס האָט שוין אַ לענגערע צײַט נישט געהאַט קיין רו פֿון אַ בײַזן געדאַנק, וואָס האָט אים פֿאַרפֿאָלגט טאָג און נאַכט, און אים פּשוט פֿאַרביטערט דאָס לעבן. נישט נאָר ווען ער האָט געגעסן, געטרונקען און געהאַנדלט מיט בהמות – אַפֿילו ווען ער האָט זיך אַמוזירט מיט פֿרויען האָט דער געדאַנקט אים קיין רו נישט געגעבן. ערגער פֿאַר אַלץ איז געווען וואָס אויגונאַס האָט דעם געדאַנקט נישט געקענט נעמען ערנסט און אים רעאַל באַטראַכטן. הגם ער איז געווען אַן אומגעבילדעטער, פֿיזיש שטאַרקער און חוצפּהדיקער פּאַרשוין, האָט ער דאָך געהאַט גרויס רעספּעקט פֿאַר דער מלוכה-מאַכט און אירע געזעצן. אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צום געריכט און דער תּפֿיסה האָט בײַ אויגונאַסן אַרויסגערופֿן גרויס מורא. אויגונאַס האָט עקשנותדיק, אָבער אָן דערפֿאָלג געקעמפּט מיטן געדאַנק, וואָס האָט אים באַהערשט און אַ ביסל אָפּגעשוואַכט די דאָזיקע מורא.

דער געפֿערלעכער געדאַנק איז געבוירן געוואָרן אין אויגונאַסעס מוח נאָכדעם ווי ער האָט צופֿעליק דאָס ערשטע מאָל אין זײַן לעבן געזען אַ קינאָ-פֿילם. באמת האָט אויגונאַס פֿײנט געהאַט אַלע מאָדערנע אײַנריכטונגען און דערפֿינדונגען. ער האָט אויפֿריכטיק געליבט די אַלטע זיסע זײַטן און מנהגים. אָבער זענענדיק אין דער נאָענטסטער גרויסער שטאָט צוליב אַ געשעפֿטלעכן ענין, האָט ער נישט געקענט בײַשטיין דעם נסיון און איז אַרײַנגעגאַנגען אין קינאָ. און אָט די פֿאַרשאָלטענע נײַע דערפֿינדונג איז שולדיק געווען אין דעם, וואָס ער האָט פֿאַרלאָרן זײַן מנוחה. יאָ, די אַלע מאָדערנע קונצן האָבן קיין גוטס אויף דער וועלט נישט געבראַכט! דאָס האָט אויגונאַס שוין לאַנג געוווּסט. נישט אומזיסט האָט אַלץ, וואָס איז געווען אַלט און אויסגעפּרוּווט פֿון די זיידעס, אַרויסגערופֿן בײַ אים סימפּאַטיע און בטחון. די אַלע נײַע דערפֿינדונגען זענען געווען נישט מער ווי אַ קונצשטיק פֿון טײַוול, אָדער גאָר פֿון די פּיפּיקע,

שוואַרצהאָריקע און קוועקזילבערדיקע ייִדן. אויף וועלכע אויגונאַס האָט זיך אומעטום אָנגעשטויסן.

דער פֿילם האָט געוויזן אַ הויזבאַזיצער, וועלכער האָט זייער נייטיק געהאַט געלט. כּדי עס צו באַקומען, האָט ער פֿאַרזיכערט זײַן אַלטן הויז, אָפּגעוואַרט אַ געוויסע צײַט ביז ס'איז אָנגעקומען אַ זייער פֿינצטערע נאַכט, אַראָפּגעגאַנגען אין קעלער, באַנעצט אַן אַלטע שטרויענע ראַגאָזשע מיט נאַפֿט אַרײַנגעשטאָפּט איר אין שפּאַלט פֿון דער הילצערנער סטעליע, צוגעפֿעסטיקט צו איר אַ לאַנגזאַם ברענענדיקע צינד-שנור און אַרויסגעגאַנגען פֿון קעלער אויך אַזוי אומבאַמערקט, ווי ער איז אַרײַנגעקומען. דער פֿאַרברעכערישער הויזבאַזיצער איז געווען אַנטציקט פֿון זײַן פּלאַן און געמיינט שוין באַלד זיך צו זען מיט דער פֿאַרזיכערונג-סומע, אָבער דער פּלאַן איז צעשטערט געוואָרן צוליב אַ קלייניקייט: דער פֿאַרשוין האָט אין אײַלעניש פֿאַרגעסן די נאַפֿט-כּלי אין קעלער. דער הויזבאַזיצער האָט די כּלי צוערשט באַנוצט פֿאַר גוטע אייל, נאָכדעם פֿאַר נאַפֿט, און אין דער שכנותדיקער קראָם האָט איר גוט געקענט צוליב איר אייגנאַרטיקער פֿאָרמע. בײַ דער אויספֿאָרשונג האָט מען די כּלי ווידער דערקענט, כאָטש זי האָט זיך אַביסל פֿאַרענדערט פֿון פֿײַער. די שולד איז געפֿאַלן אַפֿן הויזבאַזיצער און מ'האָט אים אַרײַנגעזעצט אין תּפֿיסה.

די סצענע מיטן אונטערצינדן איז אין פֿילם געווען נישט מער ווי אַן אומבדײַטנדער עפּיזאָד; אָבער פֿון אַלע איינצלהײַטן האָט זיך אין אויגונאַסעס זכּרון אײַנגעקריצט דווקא אָט די סצענע, וועלכע האָט אים אָנגעלאָקט מיט דער שטאַרקייט פֿון אַן אָנגענעמער עבֿירה. און אויגונאַס איז שטענדיק געווען אין אַ שלעכטער, געררײַצטער שטימונג. ער האָט געהאַלטן אַז שולדיק אין זײַן שלעכטער שטימונג זענען די מאָדערנע דערפֿינדער און, הויפּטזאַכלעך, דאָס אַנאָנימע אַלוועלטלעכע ייִדנטום, אָבער די אמתע סיבה איז געווען אַ גאַנץ אַנדערע: דער מסחר מיט בהמות האָט אים כּמעט רויִנירט. ער האָט אײַנגעקויפֿט בהמות פֿאַר הויכע פּרײַזן

און געמוזט שפּעטער לײַדן גרויסע היזקות, ווײַל די פּרײַזן זענען מיטאַמאָל שטאַרק געפֿאַלן. אויגונאַס האָט געהאַט גרויס פֿאַרדרוס, און דער געדאַנק צו באַקומען אַ גרויסע פֿאַרזיכערונג פּרעמיע האָט אים זייער אָנגעלאָקט. די פּרעמיע וואָלט געדעקט די היזקות און חוץ דעם נאָך אַרײַנגעבראַכט אַ פֿרישן קאַפּיטאַל אין געשעפֿט. אייגנטלעך איז דאָך אַ פֿאַרזיכערונגס-געזעלשאַפֿט נישט קיין איינצעלנער פּערזאָן, נאָר אַן אַנאָנימע חבֿרה. מ׳ווייסט אייגנטלעך נישט ווער ס׳פֿאַרלירט בײַם אויסצאָלן די פּרעמיע. פֿאַרוואָס זאָל אויך ער, אויגונאַס, נישט געניסן פֿון אַ לײַכטער מטבע?

און דאָס איז געווען די אמתע סיבה פֿון זײַן אינערלעכער צערודערונג און שלעכטער שטימונג, וועלכע האָבן זיך אויסגעדריקט אין אַ שׂנאה צו נײַע דערפֿינדונגען בכלל, און צו ייִדן בפֿרט. האָבן זיך דאָך די ייִדן אײַנגעפֿונען אומעטום און מ׳האָט לײַכט געקענט אויף זיי וואַרפֿן די שולד פֿאַר אַלע צרות.

דעם גרונדשטיק מיט ר׳ מענדלס חדר אין מיט די אַלטע פֿליגל-געבײַדעס האָט אויגונאַס געהאַט באַקומען אַלס ירושה פֿון איין פֿרוי. קײַן הכנסה האָט דאָס אייגנטום נישט אַרײַנגעבראַכט, דעריבער האָט דער געדאַנק וועגן דער פֿילם-סצענע פֿולקום באַהערשט אויגונאַסן און בײַ אים רײַף געמאַכט דעם פּלאַן אונטערצוצינדן די אַלטע געבײַדעס. דער ייִדישער נעסט וואָלט שוין במילא פֿאַרברענט געוואָרן און דאָס איז געווען אַ גרויסע מיצוה, וואָס האָט געכשרט דעם גאַנצן ענין. יאָ, דאָס מלוכה-געזעץ האָט געמוזט פֿאַרלעצט ווערן, אָבער קיין אַנדער אויסוועג איז נישט געווען. צי האָט אויגונאַס געדאַרפֿט טאָן אויך אַזוי נאַריש, ווי יענער פֿאַרשוין אין פֿילם? ניין, ער איז אַזאַ טיפּש נישט געווען. ער האָט אַלץ גוט באַטראַכט און פֿאָרויסגעזען, אַפֿילו, די קלענסטע איינצלהײַטן. לענגער וואַרטן האָט ער אויך נישט געקענט, ווײַל דער פֿאַרפֿלוכטער געדאַנק האָט אים געפּײַניקט אָן אַ שיעור. אויגונאַסעס ווידערשטאַנד-קראַפֿט איז געבראָכן געוואָרן און ער האָט באַשלאָסן צו באַפֿרידיקן זײַן אינערלעכן באַגער.

# VII

דער גרויסער הויף, וואָס איז געלעגן הינטער ר׳ מענדלס חדר, איז געווען אַ מקום-מקלט פֿאַר די חדר-ייִנגלעך. דאָרטן האָט מען זיך געראַטעוועט פֿון רבינס שטראָף אָדער, לכל הפּחות, געזוכט אַ דערהײַלונג פֿאַר די געשמיסענע גלידער און אַ טרײַסט פֿאַר דער נשמה. באַזונדערס באַליבט איז געווען דער הויף פֿרילינג און זומער. פֿאַר חיימען איז ער באַלד געוואָרן דער איינציקער אָרט, ווו ער האָט געפֿונען רו און געקענט צונויפֿזאַמלען זײַנע געדאַנקען. צײַטנווײַז פֿלעגט ער קומען אַהין צוליב דער שטילקייט און אײַנזאַמקייט, וואָס האָבן דאָרטן געהערשט. די לאַנגע געבײַדעס האָבן אַרויסגערופֿן בײַ חיימען אַ גרויס אינטערעס: שטעלנדיק זײַנע לײַכטע און שטילע טריט, האָט ער שעהן לאַנג אַרומגעשפּרײַזט איבער די אויסטערלישע, ליידיקע צימערן מיט די משונהדיק-געדרייטע גענג. חיים האָט געוואָלט דערגיין זייערע סודות, זיך דערוויסן צו וואָס מ׳האָט אייגנטלעך געבויט אַזעלכע מאָדנע צימערן. אַלץ וואָס איז געהײַמניספֿול און אומפֿאַרשטענדלעך – איז , לויט זײַן מיינונג, געווען פֿאַרבונדן מיט דער ווּנדערבאַרער געטלעכער קראַפֿט, וואָס האָט עקזיסטירט הינטער די אַלע רעאַלע זאַכן.

ווי נאָר חיים פֿלעגט באַמערקן אַז מענדלס מויז-אויגלעך הייבן אָן כיטרע צו קוקן אויף אים, פֿלעגט ער אומבאַמערקט אַנטלויפֿן אויפֿן הויף. אַ דאַנק זײַן קליינעס ווקס פֿלעגט אים דאָס אָפֿט געלינגען. אַנטלויפֿען האָט ער געמוזט וואָס שנעלער, ווײַל ווען ר׳ מענדל וואָלט אים אויסגערופֿן, וואָלט שוין געווען צו שפּעט. אונטערן דרוק פֿון זײַן אינערלעכן גייסטיקן כּוח וואָלט חיים געמוזט ענטפֿערן דעם רבין אויף אַלע זײַנע שאלות און ריכטיק און גוט דערקלערן. ער האָט נישט געקענט שווײַגן, ער האָט געמוזט אַרויסווײַזן זײַנע ידיעות אין די הייליקע ספֿרים. די חדר-ייִנגלעך האָבן זיך געוווּנדערט: "חיים איז דאָך נישט מחויב געווען צו וויסן בעסער פֿאַר די גרויסע יונגען. האָט ער געזאָלט זאָגן אַז ער ווייסט נישט, וואָלט ער נישט

באַקומען קיין שמיץ." אַנשטאָט צו פֿאָלגן די חדר-ייִנגלעך פֿלעגט חיים בעסער אַנטלויפֿן אויפֿן הויף. אין דער שטילקייט און איינזאַמקייט פֿון הויף האָט ער זיך געפֿילט גוט און זיכער. נאָך אַלע נגישות און אומרעכטן, האָט ער דאָ געפֿונען אַ דערהייַלונג. די פֿרעמדקייט צו אים מצד די עלטערן און שוועסטערס, לייבעלעס "נידערטרעכטיקע" מעשׂים און די אומפֿאַרדינטע שמיץ אין חדר – אַלץ איז פֿאַרגעסן געוואָרן אויפֿן הויף. די אַלטע קאַשטאַנען-ביימער האָבן געוואָרפֿן רויקע, פֿרייַנטלעכע שאָטנס, און חיימען האָט זיך אָפּגעדוכט, אַז ער געפֿינט דאָ יושר און גערעכטיקייט, וואָס ווערט אים צוגעטיילט פֿון יענעם וועלטן און געטלעכן באַשעפֿער פֿאַר וועמען ער האָט געקעמפֿט און געליטן.

ס'איז אָנגעקומען דער האַרבסט. שטיל איז געוואָרן אויף די פֿעלדער, אין די גערטנער – ליידיק, וויסט. אויפֿן הויף זענען די קאַשטאַנען-ביימער ווי פֿאַריתומט געשטאַנען שוואַרץ און נאַקעט. די נעסטן פֿון די פֿייגל זענען געווען שוין ליידיק. נאָר די טויבן און די שפּערלינגס, וועלכע האָבן באַשלאָסן צו ווינטערן אונטער די דעכער פֿון די אַלטע געביידעס, האָבן שעהן לאַנג אַרומגעשפּרייַזט אויפֿן הויף. אַ מחנה קראָעס איז אָנגעקומען פֿון די נאָענטע פֿעלדער, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די נאַקעטע ביימערשפּיצן און פֿאַרהילכט די גאַנצע געגנט מיט הייזעריקע געשרייען.

אויגונאַס האָט געענדיקט זייַן "אַרבעט". ער האָט קיין זאַך נישט פֿאַרגעסן. אַפֿילו דער קלענסטער חשד האָט נישט געקענט פֿאַלן אויף אים. קיינער וועט נישט זען ווי ער איז אַרייַנגעגאַנגען אין דער געביידע, קיינער וועט אויך נישט זען ווי ער וועט אַרויסגיין. ווען ס'וועט אויסברעכן אַ שׂרפֿה און פֿאַרשלינגען אָט די אַלטע באַלקנס און ברעטער, וועלן שוין נישט פֿעלן קייַן תּירוצים: די ייִדישע חדר-ייִנגלעך זענען דער בעסטער תּירוץ. מסתּמא האָט אימיצער פֿון זיי זיך געשפּילט מיט שוועבעלעך, אָדער גאָר גערויכערט ציגאַרעטן. אויף די ייִדישע קונדסים האָט מען אַלץ געקענט

גלויבן. מיט אַ בריין, צופֿרידענעם שמייכעלע האָט אויגונאַס זיך צום לעצטן מאָל אַרומגעקוקט...

פּלוצים האָבן זײַנע פֿאַרנעפּלטע אויגן באַגעגנט אַ פּאָר אַנדערע אויגן – גרויסע, טונקעלע, דערשראָקענע. אויגונאַסן האָט פֿאַרנומען דער אָטעם. ער – דער הויכער, דיקער און שטאַרקער פּאַרשוין – איז פֿון שרעק געבליבן אָן לשון. אָבער ער איז האַסטיק געקומען צו זיך און ס'האָט זיך אין אים אָנגעצונדען זײַן רוצחישע בלוט. דער פֿאַרפֿלוכטער ייִדישער שנעק האָט אים פֿאַרפֿאָלגט ווי אַ געשפּענסט. אפֿשר האָט ער שפּיאָנירט, אפֿשר האָט ער אַלץ געזען – דער קוים-לעבעדיקער פֿייגל-שרעקער! אויגונאַס האָט אָנגעכאַפּט דעם אומדערוואַרטן עדות קאָלנער. זײַן ערשטער געדאַנק איז געווען – אים ממיתן אויפֿן אָרט, אָבער אין דעם זעלביקן אויגנבליק האָט ער זיך איבערלייגט: ער האָט בשום אופֿן נישט געטאָרט צוליב אַזאַ נישטיקן צופֿאַל מקריבֿ זײַן דעם אַזוי גלענצנד אויסגעפֿירטן פּלאַן. נאָך אַמאָל וואָלט ער שוין אים נישט ווידערהוילט, דאָס וואָלט געווען איבער זײַנע כּוחות. ווער ווייסט וועלכע פֿאָלגן ס'האָט געקענט האָבן אַ בלוט-פֿאַרגיסונג, אויך ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט אין גאַנצן נאָר וועגן ייִדיש בלוט! די פֿאַרזיכערונגז-אַגענטן זענען געריבענע יונגען, זיי זענען פֿעיִק געווען דורכצופֿירן אַ ריכטיקע אויספֿאָרשונג. צו וואָס איז נייטיק געווען פֿאַרפּלאָנטערן דעם ענין מיט אַ פּאָליציי אויספֿאָרשונג וועגן פֿאַרשווונדענעם ייִדישן מפּיל? ער, אויגונאַס, האָט געמוזט האַנדלען קלוג, ניכטער, נישט אַזוי ווי יענער פּאַרשוין אין פֿילם. אין אַ פּרט וואָלט בעסער געווען, ווען די עלנדע ייִדישע באַשעפֿעניש זאָל בלײַבן לעבן. אויגונאַס האָט אָפּגעלאָזן חיימען און אים געגעבן אַזאַ שטויס, אַז דאָס ייִנגעלע איז צעטומלט געוואָרן.

"אָט האָסטו אַ ליט, אַ גאַנץ נייעם און זילבערנעם ליט, דו טײַוולאָנישער ממזר!" האָט אויגונאַס אויסגערופֿן אין זײַן ליטוויש-ייִדישן דיאַלעקט, וועלכן ער האָט זיך אויסגעלערנט בײַ די ייִדישע בהמות-

הענדלער. ער האָט אַרײַנגעשטאָפּט דעם יינגעלע אין האַנט אַ מטבע. "אויב דו וועסט עמעצן דערציילן, אַז דו האָסט מיר דאָ געזען. וועל איך דיר הרגענען אויף טויט! אויך דײַנע עלטערן און קרובֿים וועל איך דערשיסן ווי הינט!... איצט פֿאַרשווינד וואָס שנעלער! ווען עמעצער וועט דיר פֿלעגן פֿון וואַנעט דו האָסט אַ ליט, זאָלסטו זאָגן, אַז דו האָסט אים געפֿונען אויף דער גאַס. געדענק וואָס איך זאָג דיר, דו יִדישער מפּיל, פֿאַרזעעניש!"

ער האָט ווידער אַ שטויס געטאָן חיימען מיט זײַן גרויסן פֿוס. דאָס יִנגעלע איז אַנידערגעפֿאַלן איז זיך לייכט אָפּגעשלאָגן אָן די אושאַקעס פֿון טיר, אָבער ער איז גלײַך ווידער אופֿגעשטאַנען. ער האָט געפֿילט, אַז די מטבע האָט באַדײַט פֿאַרברעכן, פֿאַרראַט, טומאה, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין העזה איר צוריק צוואַרפֿן דעם גוי אין פּנים. אין פֿאַרגלײַך מיט אים איז ער געווען ווי אַ פֿליג. ס'איז געווען אַ מוראדיקע סכּנה אים צו ווידערשפּעניקן. די געוועאַלדיקע אומגלײַכקייט האָט דעפּרעסיוו געוועקט אָן חיימען און גובֿר געווען זײַן מאָראַלישע עקשנות: זײַן דינע שטימע האָט געשוויגן. זײַנע שוואַכע פֿינגערלעך האָבן פֿעסט געהאַלטן די מטבע. אויגונאַס האָט ווילד אַ ברום געטאָן און אופֿגעהייבן זײַן מעכטיקן פֿויסט:

"אַרויס פֿון דאַנעט, טײַוול!" ער האָט אָנגעכאַפּט חיימען פֿאַר זײַנע הויזעלעך, אים צוגעטראָגן ווי זאַק צום אויסגאַנג און אַרויסגעשטויסן אינדרויסן. דאָס יינגעלע האָט זיך מעכאַניש באַוועגט פֿאָראויס. ער איז געווען דערשיטערט, פֿאַרטויבט פֿון די איבערלעבענישן. ווען ער איז עטוואָס געקומען צו זיך, האָט ער דערזען אַז ער האָט זיך געפֿונען אויפֿן וועג צו זײַן היים. די זילבערנע מטבע איז נאָך אַלץ געווען פֿאַרקוועטשט אין זײַן האַנט. ער האָט מיט פֿאַראַכטונג און עקל געקוקט אויף איר, ווי זי וואָלט געווען אַ שרץ. פּלוצים האָט זײַן האַנט אָפּגעלאָזן די מטבע: זי איז קלינגענדיק אַראָפּגעפֿאַלן אַפֿן שטיינערנעם ברוק און פֿאַרשוווּנדן געוואָרן אין דער פֿינצטערניש. די האַנט איז אָבער נישט געווען ריין: די טומאה האָט נאָך גערוט אויף איר. חיים האָט מער נישט געטאָרט זיך צורירן צו די

הייליקע ספֿרים, ווײַל פֿאַר אַ זילבערנער מטבע האָט ער זיך פֿאַרקויפֿט צו דער טומאה, האָט מען דען פֿון הויכן און שטאַרקן פֿאַרשוין מיט דעם אָקסענעם האַלדז געקענט דערוואַרטן עפּעס בעסערס ווי פֿאַרברעכן? צו וואָס האָט ער זיך געפּאָרקעט אַזוי שפּעט אין דער ליידיקער און ווײַטער געבײַדע?

אומבאַוועגלעך און שטום איז חיים געזעסן אין זײַן ווינקעלע. ער האָט נישט רעאַגירט אויף לייבעלעס חניפֿה-ווערטער, זיך נישט צוגעהערט צו זײַנע געשרײַען און שטיפֿערײַען, נישט גערעדט מיט דער מוטער. ער האָט אַפֿילו נישט געענטפֿערט דעם פֿאָטער ווען יענער האָט געפֿרעגט אויב ר׳ מענדל האָט געפֿאָדערט דעם שכר-לימוד, וואָס האָט אים נאָך געקומען. חיים איז געזעסן און מיט שרעק אין האַרצן געוואַרט אויפֿן פֿאַרברעכן, וועלכן ס׳האָט געזאָלט אויספֿירן דער הויכער שׂונא-ישראל. דאָס פֿאַרברעכן איז געווען אומפֿאַרמײַדלעך! וועגן דעם איז בײַ חיימען קיין ספֿקות נישט געווען. די געשיכטע מיט דער זילבערנער מטבע האָט פֿאַרשטאַרקט זײַן איבערצײַגונג. דאָס פֿאַרברעכן האָט געמוזט פֿאָרקומען. חיים האָט אָן אופֿהער געטראַכט וועגן דעם. אַלע איבעריקע זאַכן האָבן אים איצט נישט אינטערעסירט.

מ׳האָט חיימען שוין אַ פּאָר מאָל גערופֿן צום טיש עסן אָוונט-ברויט, אָבער ער האָט אַפֿילו נישט געהערט וועגן וואָס מ׳האָט צו אים גערעדט. די שוועסטערס זענען שוין אויך געזעסן בײַם טיש. זיי האָבן נישט געקוקט אויף דער זײַט, וווּ חיים איז געזעסן. וואָס האָבן זיי געזאָלט מאַכן מיט דעם בלאַסן, מעלאַנכאָלישן און משונהדיקן ברודערל? זיי האָבן געבראַכט פֿאַר לייבעלען נאַשערײַען און ער האָט זיי אָליין אופֿגעפֿרעסן. שמאָטשקענדיק מיט די ליפּן און מאַכנדיק פֿון גרויס הנאה ווילדע געשרײַען. לייבעלע האָט נישט ליב געהאַט זיך מיט עמיצן צו טיילן פֿון די נאַשערײַען.

שוין צוויי שעה זענען אַוועק זינט חיים איז געקומען אין שטוב, אָבער ער זיצט נאָך אַלץ אין ווינקעלע און האָרכט. עס דאַכט זיך אים, אַז אָט-אָט

וועט עפּעס געשען... ער ווייסט, אַז דאָס פֿאַרברעכן מוז געשען, עס איז אומפֿאַרמײַדלעך. ער וואַרט אויף אַ צייכן. אויף אַ ידיעה, אָבער די צײַט לויפֿט און אַלץ איז אין אָרדנונג. חיים פֿאַרלירט דאָס געדולד און גייט אַרויס אויף דער גאַס. אַ שוואַרצע, שטערנלאָזע נאַכט באַדעקט דאָס גאַנצע שטעטל. חיים קוקט זיך אַרום: אומעטום שטיל. ער וויל שוין צוריק אַרײַנגיין אין שטוב, אָבער מיטאַמאָל ווערט די לופֿט דורכגעריסן פֿון צוויי הילכיקע קלונגען וואָס טראָגט זיך פֿון קירך-טורעם. "ענדלעך! דאָס איז דער צייכן", שעפּטשעט חיים. אַ רויטער שײַן באַווײַזט זיך אויפֿן הימל. אויף דער נאָענטער גרויסער גאַס הייבט אָן בלאָזן אַ האָרן. לאַמטערנעס בליצן אויף. ס'הערן זיך קולות:

"אַ שׂרפֿה! אַ שׂרפֿה!"

יאָ, אָט דאָס איז טאַקע דער צייכן, אויף וועלכן חיים האָט געוואַרט. אָט דאָס איז דאָס פֿאַרברעכן, אין וועלכן ער האָט אויך אַ חלק געהאַט, ווײַל ער האָט זיך פֿאַר אַ מטבע פֿאַרקויפֿט צו דער טומאה.

אין אַלע פֿענצטער באַווײַזן זיך פּנימער. פֿון די טויערן לויפֿן אַרויס מענטשן:

"ווּ ברענט עס? ... ווּ ברענט עס?"

"דער חדר ברענט! ... ר' מענדלס חדר ברענט! ...ראַטעוועט! ..."

דער חדר ברענט! ... אַלע לויפֿן, ווי עמעץ וואָלט זיי נאָכגעיאָגט. חיים לויפֿט אויך דורך די שמאָלע געסלעך צום חדר. ער איז נישט צעטומלט, נישט דערשראָקן: ער האָט געוווּסט אַז ס'וועט וואָס געשען. דער חדר ברענט! אָט דאָס איז טאַקע דאָס פֿאַרברעכן. דער הימל איז רויט. אַ שוואַרצער זײַל רויך הייבט זיך אויף צו אים, רויטע פֿונקען פֿליען אין דער הייך. עס ברענט שוין גאָר נישט ווײַט. אָט זעט שוין חיים ווי די פֿלאַמען דרייען זיך און לעקן די ווענט פֿון ר' מענדלס חדר. ער קוועטשט זיך דורך צווישן פֿאַרזאַמלטן עולם; דאָס איז אים נישט שווער, קוים וואָס מ'זעט אים, ווײַל ער איז קליין און מאָגער. באַלד איז ער אין דער פֿאָדערשטער

שורה. דער פֿײַער שפּאַרט פֿון די פֿליגל-געבײַדעס, ער כאַפּט שוין אַרום דעם דאַך פֿון חדר. די קליינע ספֿר-תּורה און די איבעריקע ספֿרים שטייען נאָך אין אַלמער. די טליתים און תּפֿילין ליגן נאָך אין די שופֿלאָדן. קיינער ריזיקירט נישט צו ראַטעווען די תּשמישי-קדושה. אויגונאַס איז אויך דאָ. ער העלפֿט לעשן. שלעפּט איין עמער וואַסער נאָכן אַנדערן. גיט אָפּ מיט אַ הילכיקער שטימע באַפֿעלן די פֿײַערלעשער. ר׳ מענדל לויפֿט אַרום ווי אַ פֿאַרסמ׳טער הין און צוריק. ער איז אין אונטערוועש. מ׳האָט נאָר באַוויזן אַרופֿצוּוואַרפֿן אויף זײַנע פּלייצעס אַ לאַנגן שוואַרצן ראָק. פֿון ר׳ מענדלס מויל רײַסן זיך אַרויס יאוש-ווערטער, אָפּגעריסענע פּסוקים פֿון תּהלים. ער וויינט, קלאָגט, שרײַט, בעט ראַטעווען די הייליקע תּורה און די טײַערע גמרות ...

די פֿלאַמען פֿאַרגרעסערן זיך. אויפֿן דאַך איז שוין אַן אמתער גהינום. ס׳איז דער לעצטער מאָמענט צו ראַטעווען די הייליקע ספֿרים. דער פֿײַער קנישטערט, זשיפּעט, קנאַקט. דער עולם רודערט, ליאַרמט, אָבער חיים ווערט נישט נתפּעל: ער הערט נאָר דעם קלאַנג פֿון די הייליקע פּסוקים. זיי רופֿן, זינגען, פֿאָדערן ... חיימס האַנט איז אומריין, זי האָט זיך אָנגערירט אָן דער טומאה. אין וואָלקן פֿון רויך קען זי גערײַניקט ווערן ...

קיינער באַמערקט נישט ווי אַ דינער שאָטן פֿאַרשווינדט אין ברענעדיקן חדר. דורכן ענגן פֿירהויז לויפֿט חיים אַרײַן אין גרויסן חדר. דורך די שפּאַלטן פֿון די פֿאַרמאַכטע לאָדנס שלאָגט זיך דורך אַ רויטער ציטערנדיקער שײַן, וואָס באַוועגט ווי געשפּענסטער די גאָלדענע אותיות אויף די רוקנס גמרא-כּריכות. צוערשט מוז געראַטעוועט ווערן דאָס גרעסטע הייליקטום: די ספֿר-תּורה. חיימס בלאַסע און מאָגערע הענטלעך עפֿענען האַסטיק אויף די גלעזערנע טיר פֿון ארון-קודש, רײַסן אַראָפּ דעם פּרוכת און נעמען מיט גרויס מי אַרויס די ספֿר-תּורה אין דער העלער, זײַדענער מענטעלע. צערטלעך דריקט חיים די ספֿר-תּורה צו זיך. איצט איז דער אייבערשטער מוחל געווען. איצט האָט חיים אויסגעקויפֿט זײַן זינד,

זײַן האַנט איז געררײַניקט געוואָרן, די טומאה איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן, די רשעות האָט מער קיין שליטה נישט געהאַט.

פֿון ווענט און דער סטעליע שלאָגט אַ מוראדיקע היץ. אַ געדיכטער רויך נעמט אַרום חיימען. זײַנע געדאַנקען פּלאָנטערן זיך. ווי אַ באַרוישטער פֿאַלט ער אַנידער ...

